STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01943

A MINYEN YIDN

Max Perlson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי ב. פּערלסאָן
(מאטיע טריינעס)

א מנין יידן

און אנדערע זאַכן

ארויסגעגעבן פון מחבר
מיט דער הילף פון
„דובאָיער יאָנג מענס”
ברוקלין, 1938

Copyright, 1938
by
MAX B. PERLSON
All rights reserved

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA BY
Shulsinger Bros. Linotyping & Publishing Co.
1001 Sutter Avenue, Brooklyn, N. Y.

מיין ליבער פרוי, בעססי ראזנמאן פערלסאן,
—א לערערן אין א ניו יאָרקער פּאָבליק סקול,—
האָב איך צו פארדאנקען, וואָס דאָס דאָזיקע ביכל
האָט דערזען די ליכטיקע וועלט.

מ. ב. פערלסאן, מאַי, 1938.

אינהאַלט

1.
דובאָי

ר׳ שמואל־חיים 9
דער לאַמעד וואָווניק 13
יאָסל מאיר׳ס 20
ר׳ מאיר דער קורצער 23
ר׳ שמעיה 26
מאיר חניע׳ס 30
בערל שעיה׳ס 34
משה העניע׳ס 37
ר׳ איטשע דער מלמד 41
יודע דער מאהילנער 46
אַלטע ווייבער ווייסן 48
קאַטליעטן 51

2.
ערנסט

דער נאַטשאַלניק סטאַנציע 57
ווי אזוי מר. רעמסען ט׳פאַרלאָרן זיין פענסיע........ 64
דזשים 68
ביינקשאַפט 73
פיידא 77

3.
שפּאַס

כ׳וועל מער קיין פרייע פערזן ניט מאַכן........ 85
ביזנעס 89
כ׳האב געלייזט א וועלט־פּראָבלעם........ 92
געדאַנקען פון א צעדרייטן 94
אויך ציגן האָבן ליב בלומען 96

דובאָי

ר׳ שמואל-חיים

אלע מענטשן לײדן פון גאוה־מאניע; אײנער מער, א צװײטער — נאך מער...

ר׳ שמואל־חיים אבער האט געהאט מערער גאוה אין זיך װי א מנין אידן צוזאמענגענומען.

אנדערע קומען צו כבוד דורך ענױות, ר׳ שמואל חיים האט קײן געדולד ניט געהאט צו גײן אויף זײטיגע װעגן: ער איז געגאנגען צו כבוד דורך גאוה.

זײן פיזיאנאמיע האט אים װי געהאלפן ד׳ערצו:

ער איז א הויך־געװיקסיקער געװען, א ברײט־פלײציקער, מיט א רוגזדיקן אויסדרוק אויפן פנים. האָט עס פון אים גע־װײעט מיט דרך ארץ...

און װײל ער האט אזוי געלעכצט נאך כבוד און מאכט, איז פון אים כבוד און מאכט תמיד אנטלאפן.

ער האָט זיך מיט די דובאָיער באלעבאטים שטענדיק געקריגט צוליב דעם. אים האט זיך אלץ געדאכט אז מ׳גיט אים ניט די ריכטיגע עליה, אדער ניט די געהעריקע הקפה און ד. גל. צענדליגער מאל האט ער זיך געשלאגן איבער דעם. װײל מיט גוטן האט ער ניט געקאנט אויספירן.

דער ענטפער פון די באלעבאטים איז געװען, (הגם זײ האבען עס קײנמאל ניט געזאגט, מ׳האט עס אבער געקאנט ארויסלײענען פון זײערע פנימ׳ער):

— אז דו ביסט א קבצן אין זיבן פאָלעס, טאָ פאָרװאָס קומט דיר כבוד?

מ׳האט דערצײלט, אז ער איז אמאל רײך געװען. זינט

איך געדיינק איז ער געווען אַ איד אַן ארעמאַן. ער האָט קוים געהאַט אַ שטיקל ברויט אין הויז. גאַנץ אפט האָט עס טאַקע אויסגעפעלט אויך.

זעלטן ווען ער האָט אַ נייעם מלבוש אָנגעטאָן. ניט געווען קיין געלט אויף נייע מלבושים.

פלעגט זיך אבער מאכן אז ער האָט נייע גאַטקעס אָנגעטאָן, פלעגט ער אין די בלויזע גאַטקעס ארויסגיין אין דרויסן און זיך אוועקזעצן בא זיך אויפן בריקל — נאַטירלאך זומער, ווען אין דרויסען איז הייס געווען...

ווען מ׳האָט אין זינען אז זיין הויז איז געשטאַנען אויף דער הויפּט־גאַס וואו מענטשען זיינען אימער געגאַנגען אויף און אָפּ, קאָן מען ערשט האָבען אַ באַגריף וואָס פאר א דראַנג ער האָט געהאַט פאר באריהמען זיך, אז ס׳האָט אזש גובר גע־ווען דעם אינסטינקט פאר שאַנד. און פילייכט האָט ער גאָר אַנדערש ניט פארשטאַנען? זייער מעגליך...

פאר׳ן צווייטען קיין רחמנות, קיין סימפּאַטיע האָט ער ניט געהאַט. איך דערמאָן זיך:

ר׳ שמואל־חיים׳ס „שטאָט" אין מזרח איז געווען דער צווייטער ביים עמוד. ס׳איז געווען יום כפור. דער בעל תפלה, אַן אויסגעמאַטערטער פון דעם תענית, מיסטאמע, און פון דער היץ, האָט געדאַוונט מיט די לעצטע כחות, נעבאך געוואָלט געבען דאָס בעסטע וואָס ער האָט פארמאַגט, נאר ווייזט אויס ווינציג געהאט... דאך — אויב ניט קיין הנאה, אָבער סימפּאַ־טיע האָט ער כאָטש געדארפט דערוועקן, אָבער ניט ביי ר׳ שמואל חיים׳ען.

ער איז געשטאנען, איהם אריינגעקוקט אין די אויגן און מיט א שפּאַטיש שמייכל גע׳חזר׳ט:

— דו קאָנסט ניט! עס טויג ניט!...

קיין גרויסער למדן איז ער ניט געווען. קיין קליינער אפילו אויך ניט... ער פלעגט דאָס רוב א פרעג־טאָן דעם טייטש פון א וואָרט, וואָס א קינד צוויי יאָהר אין חדר האָט געוואוסט, און אַמאָל האָט ער געפרעגט דעם טייטש פון צוויי האַלבע ווערטער, ד. ה. ער פלעגט פארטשעפּען דעם סוף פון איין וואָרט און דעם אָנהויב פון א צווייטן...

ער האָט ליב געהאַט צו הערען זיין אייגענעם קול.

האָט מען איהם אויפגערופן צו א פסוק „אתה הראית", אדער אן עליה געגעבן, פלעגט ער עס אזוי אויסציען, אויס־ציקלען מיט זיין שטימע, וואָס איז געווען אביסעל אזוי ווי אונטערן נאָז, אז מ׳האָט געקאָנט זען: דער איד פארגינט ניט צו שיידען זיך מיט דעם...

כמעט איטלאכער באלעבאס אין דובאי האָט געהאַט עפּעס א חזקה. ר׳ שמואל־חיים׳ס חזקה איז געווען צו דאוונען מעריב נאָך נעילה. ס׳הייסט, דעם גאַנצען טאָג איז פאראן א געפאר זיך אויסצוגליטשען איבער אזא שווערער עברי, אפילו פאר לומדים, אבער נאָך נעילה איז א וואָכעדיקער מעריב — ניטא וואָס מורא צו האָבן...

מען דערציילט א שיינע מעשה וועגען ר׳ שמואל־חיים׳ען:

בעת ער איז רייך געווען — ער האָט דאמאָלט געהאַנ־דעלט מיט אָקסען, וואָס ער פלעגט צושטעלען קיין וואַרשע,

אדער ווילנא — האָט ער איינמאָל אין באַן פּאַרנדיק גע־דאַרפט אויסצאָלן אַ סוחר אַ היבשע סומע געלט.

דער עולם אין וואַגאָן דערהערט געלט, איז געוואָרן אַ געזעמל. איז אויסגעשטרעקט אַ האַנט — ציילט ר׳ שמואל חיים דאָס געלט אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט אריין. אָפּגעציילט, איז די האַנט ניט געוואָרן. מאַכט דער סוחר, וואָס האָט געדאַרפט דאָס געלט קריגן:

— גיט זשע דאָס געלט!

ענטפערט ר׳ שמואל־חיים אַ דערשראָקענער:

— האָב איך אייך דען אָט ערשט ניט אויסגעצאָלט דאָס גאַנצע געלט?

ענטפערט יענער:

יאָ, אָבער איהר האָט דאָך עס געציילט אין אייער איינע־נער האַנט אריין!...

בקיצור, דאָס געלט איז ניט געוואָרען. הגם ר׳ שמואל־חיים האָט דאָס געלט טאַקע אויסגעצאָלט אין אַ האַנט, נאָר ניט אין דער ריכטיקער האַנט...

כאָטש ער האָט געהאַט מער שוואַכקייטן ווי אנדערע באַלעבאַטים אין דובאי, האָט ער דערוועקט מער סימפּאַטיע, מער רחמנות צו זיך, וואָס ער איז אַן אָרעמאַן, ווי די אנדערע אָרעמעלייט. און עס זיינען געווען גענוג אָרעמעלייט אין דור־באי. זיי אָבער האָט די אָרימקייט געפּאַסט ווי אַ רויטע צוים צו אַ ווייסן פערד, ווי דאָס ווערטל גייט, אים אָבער האָט די אָרעמקייט לגמרי ניט געפּאַסט.

.1931

דער לאַמעד־וואָוניק

מען זאָגט: אין יעדן דור זיינען פֿאַראַן ל״ו צדיקים, און אין זייער זכות האַלט זיך די וועלט. איך האָב אַזעלכע צדיקים ניט געזען און איך ווייס ניט צי עס איז אמת, צי ניט. אָבער אין מענטשן האָב איך געקאָנט, וואָס, אויב די וועלט אונזערע דאַרף האָבן א זכות פֿאַר איהר עקזיסטענץ, איז ער געווען איינער פֿון יענע אין וועמענס זכות זי עקזיסטירט.

ר׳ יעקב, אָדער יאַנקל ישראל־איסר׳ס, האָט מען איהם גערופֿן.

א ווייסער ווי א טויב איז ער געווען, הגם ער איז נאָך געווען פֿאַרהעלטניסמעסיג יונג. יונג ניט יונג, אָבער קיין על־טער אויך ניט. אַרום פֿופֿציק — איז ער שוין אין גאַנצן ווייס געווען.

זיין גאַנג: איינגעבויגן אויף פֿאָרויס, ווי צום פֿאַלן. אַזוי זיין גאַנצער קערפּער, נאַכגעלאָזן, אָפּגעשוואַכט, דאַכט זיך בלויז אין פֿינגער צולייגן — פֿאַלט ער אום...

א דובאָיער איז ער געווען פֿון עלטערס־עלטערן. טראָץ דעם פֿלעגט מען גאַנץ אָפֿט פֿאַרגעסן אַז אַזא באַלעבאָס איז גאָר פֿאַראַן אין דובאי. ניט דערפֿאַר ווייל ער איז אַן אָרעמאַן געווען, — אָרעמע לייט זיינען גענוג געווען אין דובאי, — אויך ניט דערפֿאַר וואָס ער איז א גאַנצע וואָך אין דער היים ניט געווען, ווייל וואָס שייך אַוועקגיין אויף א גאַנצע וואָך פֿון

דער היים איז ער אויך ניט געווען דער אייַנציקער, אבער אז יענע באלעבאַטים זיינען ניט געקומען איין שבת, האָט מען געפילט אז זיי פעלן, אָבער אָן יאַנקלען ישראל־איסר׳ס האָט מען פארגעסן ווי אָן טויט; ווי ס׳וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען אזא פאַרשוין ווי יאַנקל.

ס׳איז דערפאר, ווייל ניט בלויז איז ער וויס געווען ווי א טויב — ער איז אויך שטיל געווען ווי א טויב.

ער האָט זיך ניט געמישט אין קהל׳שע ענינים, האָט קיינמאָל ניט געזאָגט קיין דעה׳ס, און ניט געזוכט צו זאָגן קיין דעה׳ס.

און דעה׳ס צו זאָגן איז דוקא יאָ געווען וואו און וואָס. א שול, א שוחט, א גבאי, א בעל תפילה, א באָד, א. אז. וו. — א גאַנצע באלעבאטישקייט, — אָבער ניט זיין עסק. ניט מען האָט אים געפרעגט און ניט ער האָט זיך געמישט. כאטש אויף אויסצוהאַלטן די אלע זאַכן האָט מען ביי אים גענומען אזוי פיעל ווי ביי די יעניגע וואָס האָבען זיך יאָ געמישט. און ביי איהם אפשר נאָך מערער, ווייל ער וועט דאָך ניט פּראָטעס־טירן, וועט ניט זאָגן: — ס׳איז צופילו!

אז ס׳האָט זיך אָבער געמאַכט א מחלוקת צווישן קהל׳שע קליאַמקעס, דאמאָלט איז יאַנקעל געוואָרען א וויכטיגער ענין.

יעדער צד האָט געזוכט צוציען אויף זיין זייט וויפיל באַלעבאַטים ס׳איז נאָך מעגליך געווען; דעמאָלט האָט מען אזעלכע באלעבאטים ווי יאַנקל געזוכט ווי מיט ליכט.

איז געקומען איין צד צו יאַנקלען, אים דערציילט די קריוודעס, פלעגט יאַנקל ענטפערן:

— אַוואַדע זיינט איהר גערעכט, אוואַדע.

— איז געקומען דער צווייטער צד — איז ווידער:

— אַוואַדע זיינט איהר גערעכט, וואָס זשע, איהר זיינט ניט גערעכט?

און נאָכגעביק איז ער געווען, ניט ווייל ער איז געווען אַ חניפה׳ניק, — חלילה! ווי האָט ער געקומט צו חניפה? — ער איז געווען אַזוי נאָכגעביק, ווייל ער האָט אַנדערש ניט גע־קאָנט. זיין נאַטור, די נשמה זיינע, איז נאָכגעביק געווען. ער האָט ניט געקאָנט אַ מענטשען אָפּזאָגען. דאָס וואָרט „ניין" איז ניט געווען אין זיין ווערטער־שאַץ.

דובאיער לצים האָבען שוין צו־אָפּט עקספּלואַטירט זיין נאָכגיביגע נאַטור צוליב אביסעל פאַרגעניגען.

צוויי יונגעלייט זיינען צוגעקומען נאָהענט צו ר׳ יאַנקלען און זיך אָנגעהויבן אַמפּערן וועגן אַ קהל׳שען ענין און נאָכדעם זיך געווענדעט צו אים:

— איך גלויב, ר׳ יעקב, אַז מען דאַרף ניט דינגען קיין טייערן בעל תפילה.

— אַוואַדע דאַרף מען ניט, — פלעגט יאַנקל ענטפערן.

— אָבער, ר׳ יעקב, אַ גוטער בעל תפילה איז אַ תענוג פאַר דער נשמה! — האָט דער צווייטער גע׳טענה׳ט.

— אַוואַדע אַזוי, — זאָגט־נאָך יאַנקל.

— די צייט איז אבער איצט זייער אַ שלעכטע און אַ גו־טער בעל תפלה קאָסט גוט געלט! — טענה׳ט דער ערשטער.

— אַוואַדע איז די צייט ערשט אַ שלעכטע, — זיפצט יאַנקל.

— איהר דאַרפט אבער ניט פארגעסען, ר׳ יעקב, אז עס איז בלויז איין מאָל אין יאָהר!

— אוואָדע איין מאָל אין יאָר, — גיט נאָך יאַנקל.

— און אז איין מאָל אין יאָהר?

— און אז איין מאָל אין יאָהר? — זאָגט נאָך יאַנקל.

— איין מאָל אין יאָהר מעג מען זיך פארגינען!

— אוואדע מעג מען זיך פארגינען איין מאָל אין יאָהר, — גיט נאָך יאַנקל.

— און אז איין מאָל אין יאָר? ~~— זאָגט נאָך יאַנקל.~~

— לאָזט ניט אָפּ דער ערשטער.

— איין מאָל אין יאָר איז אויך שווער, — בעט זיך יאַנקל.

און ניט בלויז איז ער געווען נאָכגעביק אין אזעלכע פאַלן, נאָר אויך אין וויכטיקערע ענינים.

אין דובאָי איז געווען א חברה תהילים. דאָס הייסט, באַלעבאָטים זיינען שבת נאָך וואָרמעס געקומען אין שול זאָגן תהילים.

געקומען זיינען כמעט אלע.

האָט זיך איינער אוועקגעשטעלט פארן עמוד, און מען פלעגט אָנהויבן זאָגן.

דער פירער, דער דיריגענט, אזוי צו זאָגן, איז געווען דער יעניגער וואָס איז פארן עמוד געשטאַנען.

אז ער האָט געענדיגט א קאַפּיטל, האָט דער עולם אָנגעהויבען א נייעם.

געדיינק איך א שבת נאָכמיטאָג.

ר׳ יעקב ישראל־איסר׳ס איז פארן עמוד געשטאַנען און תהילים געזאָגט מיט כונה, מיט האַרץ, יעדן וואָרט באזונ־דער, אזוי פאַמעליך, גייט צו שמואל־יצחק און זאָגט:

— מאך עס אביסל גיכער, יאנקל, וואָס געדויערט עס בא דיר אזוי לאנג?

און טאַקע באַלד נאָך די דאָזיגע רייד האָט ר׳ יאנקל אָנ־געהויבן שלינגען ווערטער, גאַנצע פסוקים, און איידער עמי־צער פון די באלעבאטים האָט צייט געהאַט אַפּצוזאָגן א האַלבן קאַפּיטל, האָט שוין ר׳ יאנקל געענדיגט די לעצטע ווערטער... ווייל יאנקל האָט ניט געקאָנט יענעם אָפּזאָגן, טאָן אנדערש ווי מען הייסט, האָבן אן אנדער מיינונג.

אפילו די פרימסטע באלעבאטים האָבן אַמאָל גערעדט דברים בטלים, פּאָליטיקע, די פרייערע פלעגן אפילו שפּאַסן אויך, אבער ניט ר׳ יאַנקל ישראל־איסר׳ס. ער האָט בעסער תהילים געזאָגט בעת אנדערע האָבן זיך געוויצלט.

געוועזן איז ער א דאָרפס־שניידער. ס׳הייסט בא דאָרפישע פויערים איז ער א שניידער געוועזן... קיין גוטן בגד האָט ער ניט געקענט אויפנייען.

ס׳זיינען געוועזן עטלעכע זייער אָפּגעשטאַנענע דערפער, וואו ער איז געוועזן דער שניידער.

פאַרדינט האָט ער ווינציק, ווייל קיין ניי־מאַשין האָט ער ניט געהאַט. די מקחים, אָבער, זיינען געוועזן ווערליק א מאַשין־צייט. ס׳הייסט, ווען מען קאָן אויפמאכן מער ארבעט אין א קירצערער צייט.

קינדער האָט ער, א דאנק דעם די הענט ניט געוואשן,

געהאט געניג. מיידלאך מערסטענס, איז דער דלות געווען בא אים א שטענדיגער אורח.

ער איז אבער קיינמאל ניט פארביטערט געווען. שטענ־דיק מילד, תמיד גוטמוטיק.

פאר חובות האט ער מורא געהאט ווי פארן טויט. ווייל טאמער וועט ער חלילה ניט קאנען אפגעבן אזוי גיך. פלעגט מען זיך באגיין בא אים אין הויז אן זאכן וואס ס׳איז אונמעג־לעך צו פארשטיין ווי אזוי זיי האבן עס געטאן. דאך — מען איז זיך באגאנגען. אבער אזא זאך ווי שטיוול — אן דעם האט מען זיך באגיין ניט געקענט.

זומער פלעגט ער אונטערוועגנס א באָרוועסער גיין, די שטיוול האט ער געטראגן אויף די אראפגעהאנגענע שולטערן זיינע. אבער צווישן מענטשן, און ווינטער, קאן מען דאך ניט גיין קיין באָרוועסער.

געדיינק איך, ווי ער פלעגט קומען צו יעקב־מענדלען דעם שוסטער וועגן א פאר „פרישוועס״ צו אלטע כאליעוועס.

— יעקב־מענדעלע, — האט ער זיך געווענדט — דו ווייסט דאך אז מיט איין מאל וועל איך דיר ניט קאנען בא־צאלן, איך וועל דיר אויסצאלן ביסלעכווייס.

— ס׳מאכט ניט, ר׳ יעקב, — גיט אים יעקב־מענדל אונ־טער חשק, ווייל ר׳ יעקב׳ס שטיוול זיינען שוין אין גאנצן צע־ריסן געווען — ס׳מאכט ניט, איר וועט מיר באצאלן ווען איר וועט האבן.

איז שוין יאנקל ישראל־איסר׳ס, פרייטיק פארנאכט, גיי־ענדיק פון די דערפער, אן איינגעבויגענער, פריער פארגאנ־

געגן צו יעקב־מענדלען דעם שוסטער און אים באַצאָלט א פּערטעלע על החשבון און נאָכדעם ערשט פלעגט ער צו ווייב און קינדער גיין.

דער חשבון איז געווען דער דאָזיגער:

אויב ער וועט פריער אַ היים גיין, קאָן זיך מאכן אז דאָס געלט וועט אוועקגיין און דער חוב וועט ניט באַצאָלט ווערן. אזוי טוען אפשר אנדערע מענטשן אבער ניט ר׳ יאנקל ישראל־איסר׳ס.

* * *

מען זאָגט אַז אין יעדן דור זיינען פאַראַן ל״ו צדיקים אין וועמעס זכות עס האַלט זיך די וועלט די גאנצע. איך האָב אזעלכע צדיקים ניט געזען און — — — נאר אפשר איז ר׳ יאנקל ישראל־איסר׳ס א ל־וואָווניק געווען? ווער ווייסט...

1931

יאָסל מאיר׳ס

יאָסל מאיר׳ס איז געווען בא אונז דער וועלט־מענטש. א מענטש קאטארי וועלכער האָט געוואוסט די ברייטע, ווייטע וועלט ווי די גאַסן אין דובאַי. אז מען שמועסט א ידען, איז דאך ניט שייך!... הגם אז מען וואָלט געווען אַנאַליזירן זיין ערודיציע, קאָן זיין וואָלט מען אויסגעפונען אז ער ווייסט גאָר ניט אזוי פיל, ווי מ׳קאן דיינקען בא אן ערשטער באַגעגעניש.

אן אָרט וואָס איז געווען אזוי ווייט פון ציוויליזאַציע ווי — ווי — ס׳איז גאָר ניטא קיין פארגלייך. ס׳איז געווען א העק, ווייט אוועק פון א קולטור־צענטער, ווייט אוועק פון נייע, פרייע ווינטן, — א דאָרף ממש ווי פון מיטל־אַלטער ארויס...
— טאָ פון וואַנען ט׳זיך עס גענומען וואָס ער, יאָסל מאיר׳ס, איז אויסגעוואַקסן אזא וועלט־מענטש? בפרט נאך אז ביז איין און צוואנציק יאָר איז ער ניט ארויס מפתח ביתו, געלעגן, ווי א ווארעם אין כריין, און געמיינט: קיין זיסערס איז גאָרניט פאַראַן... בלייבט א קשיא!

צו איין און צוואנציק איז ער אוועק דינען פאָניען. מ׳האָט אים אוועקגעשיקט אויפן קאַווקאַז.

א קליין־שטעטלדיקער יונגערמאן געפאָרן אין פראַכט־באַן, פארשפאַרט אין א וואַגאָן אָן פענסטער, ביז א פאָרט אויפן שוואַרצן ים, און נאָכדעם אויף א שיפל קיין קאַווקאַז, — האָט איר א האַלבע וועלט... נאָכדעם, קומענדיק אויף קאַווקאַז, איז ער אָפּגעלעגן א פאָר חדשים אין א מיליטערישן לאַזאַרעט און — צוריק אין דובאַי. איז דאַכט זיך שוין גענוג? האָט נאך אים דאָס מזל צוגעשפילט און ער האָט אָפּגעארבעט

אַ יאָר צייט אין ביאַליסטאָק, אין אַ סעלצער פאַבריקל, איז פרעגט שוין גאַרניט! געקומען צוריק אַ וועלט־מענטש...

איז פאַרוואָרפן געוואָרן צו אונז אין דובאַי אַ איד פון אַפריקע און דערציילט וועגן די היצן דאָרטן, איז יאָסל אַריין אין די רייד:

— ווייס איך! בעת איך בין געווען אין קאַווקאַז, איז דאָס געווען היצן, אוי, אוי, אוי...

האָט איינער דערציילט — קומענדיק פון אַמעריקע — וועגן די הויכע מויערן דאָרטן, איז יאָסל אַריינגעפאַלן אין די רייד:

— אין ביאַליסטאָק האָט איר געדאַרפט זען מויערן!...

איז איינעם אויסגעקומען צו פאָרן פון אַמעריקע איבערן פאַציפישן אָקעאַן און ער האָט דערציילט וואָס פאַר אַ גרויסער ים דאָס איז, האָט יאָסל איבערגעשלאָגן:

— בעת מיר זיינען געפאָרן אויפן קאַווקאַז איבערן ים הגדול...

מיט איין וואָרט, פאַר יאָסלען איז ניט געווען קיין נייעס אונטער דער זון, ווי אין פסוק שטייט...

און ניט בלויז אין געאָגראַפיע און טאָפּאָגראַפיע איז ער געווען אַ קענער, ער איז אויך געווען באַהאַוונט אין פּאָליטיק און שטאַטלעכע ענינים.

ער האָט, למשל, גערעדט וועגן דער אַנגליטשאַנקע, מיינענדיק קעניגן וויקטאָריאַ, בעת עס האָט שוין דאַמאָלט רעגירט אין ענגלאַנד איר אייניקל, קעניג דזשאָרדזש דער פינפטער...

דובאָיער לצים פלעגן זאָגן:

— יאָסל־מאיר׳ס קאָן ניט עסן קיין וואַרמעס, סיידן ער צעקריגט זיך מיט עמיצן...

דאָס קריגן זיך איז בא אים באַשטאַנען אין אויפוואַרפן יענעם משפחה־פּעלערן:

— דיין ווייבס שוועסטער־קינדס גליד־שוועסטער־קינד לויפט דאָך ארום מיט גוים...

אדער:

— כ׳ווייס דאָך אז דיין פעטערס עלטער־פעטער איז געווען א פערד־גנב...

קיין כעס האָט ער אבער אויף קיינעם ניט געטראָגן, ווייל ער איז געווען א כעסן אָבער ניט קיין שונא.

גוים האָבן געהאלטן פון אים אן עולם ומלואה.

ערשטנס איז ער געווען מאָסיוו ווי א גוי, הויך, מיט ברייטע פּלייצעס. צווייטענס, האָט ער גערעדט זייער לשון ווי איינער פון זיי.

ער איז געווען אויסגעבונדן מיט די פעלדער און וועלדער וואָס ארום דובאָי.

ער איז געווען א סאָרט „אידישער מוזשיק״. און אן ער־לעכער, האָבן אים די גוים פון דובאָי באַלוינט דערפאַר:

אין דער צייט פון קערענסקיס רעזשים, ווען אידן האָבן געקראָגן גלייכע רעכט, האָבן זיי אים, יאָסלען, אויסגעקליבן פארן שטעטלשן ריכטער, אים און צוויי גויים.

(1936).

ר׳ מאיר דער קורצער

ר׳ מאיר דער קורצער איז געווען — כשמו כן הוא. א קליין אידעלע, ניט העכער פון א אינגל וואָס הויבט ערשט אָן אין חדר גיין.

ווען ניט די באָרד זיינע וואָלט מען טאָקע גאַנץ אָפט א טעות געמאַכט און מ׳וואָלט אין א בין־מנחה־למעריב, בעת ס׳איז טונקל, צוגערעכנט אים צו די קליינע קינדער...

די גרוילעכע באָרד און די קלוגע, דערפאַרענע, פאַרזיכטיגע אויגן וואָס האָבן תמיד געהאַט א פונק פון סקעפּטיציזם אין זיך, האָבן עדות געזאָגט אז ער איז שוין גארניט קיין אינגל.

ער איז געווען א מענטש א בעל תכלית. ער האָט ניט געטאָן קיין זאך סיידן ס׳האָט געבראכט נוצן. גלאָט אזוי אי־בערפירן צייט איז ניט געווען אין זיין נאטור.

ביים פאך א שוסטער, איז ער תמיד געזעסן איבערגע־בויגן ביים ווארשטאט (אויסער ווען ער האָט געדארפט ערגעץ פאָרן צוליב געשעפט).

— מען דארף אָנגרייטן אויף די עלטערע יאָרן. סוף מעשה במחשבה תחילה. — פלעגט ער זאָגן.

געקומען אין שול, איז גלייך אויף זיין ארט. האָט מען זיך באלד געשטעלט דאווענען — איז דאך ניט שייך, האָט ער אויך געדאַוונט. אויב אבער ער האָט געדאַרפט וואַרטן, איז אין סטענדער בא אים געלעגן א משניות. פלעגט ער ארויס

נעמען דעם ספר, אויפמישן איינעם פון די עטלעכע פרקים וואָס ער פלעגט תמיד איבער־חזר׳ן און —

— מ׳דאַרף אָנגרייטן א יענע וועלט אויך, און היום קצר והמלאכה מרובה, פלעגט ער טענה׳ן.

געבן א נדבה פלעגט ער ניט גערן, הגם ער האָט געהאַט וואָס צו געבן. ער פלעגט זאָגן:

— אדם קרוב לעצמו.

ווי אויבן געזאָגט, איבערפירן צייט אויף פוסטע רייד איז ניט געווען אין זיין טבע.

— מרבה דברים מרבה שטות, — איז געווען זיין מאָטאָ.

פאַרזיכטיק איז ער געווען ווי ס׳קאָן נאָר זיין פאַרזיכטיק א קליין שוואַך שעפּעלע צווישן א סטייע וועלף. ער האָט געהאַלטן:

— כבדהו וחשדהו.

וועגן זיין פאַרזיכטיקייט דערציילט מען א מעשה:

ער האָט געדאַרפט פאָרן ערגעץ. האָט ער געוואַרט ביז דער לעצטער רגע מיטן קויפן א בילעט ביז די באַן איז אָנגעקומען. אָנגעקומען די באַן, באַוויזט זיך דער קאָנדוקטאָר אויפן פלאַטשאַדקע. לויפט־צו מאיר און מאַכט:

— גאָלובטשיק, מאַזשנאַ? ס׳הייסט צי מען קאָן פאָרן אָן א בילעט, אויב דער קאָנטראָליאָר פאָרט ניט.

— מאַזשנאַ! ענטפערט דער קאָנדוקטאָר גערן. ס׳הייסט מ׳קאָן פאָרן אָן א בילעט.

גייט מאיר אוועק, דרייט זיך אום עטלעכע רגע׳ס איבער דער פלאַטפאָרמע און קומט ווידער צום קאָנדוקטאָר:

— גאלובטשיק, מאזשנאַ?

ענטפערט דער קאָנדוקטאָר ווידער:

— מאזשנאַ!

אָבער מאיר איז ניט זיכער, ער גייט אוועק און קומט צוריק:

— גאלובטשיק, מאזשנאַ?

זעט דאָך דער קאָנדוקטאָר אַז ס'איז אַ מעשה אָן אַ סוף, ווערט ער אין כעס און שרייט אויס:

— ניע מאזשאַ, סוקין סין!...

לויפט מאיר צום קאַסע און קויפט אַ בילעט.

די איבעריקע פּאַסאַזשירן זיינען טאַקע אַלע געפאָרן אָן בילעטן און איינגעשפּאָרט צו האַלבע רובל...

אָט־אָ־די פּאָרזיכטיקייט, אויסגערעכנטקייט, האַרט־בייַ־דער־ערדישקייט האָט אים קיינמאָל ניט פאַרלאָזן.

ניט שמחת תורה האָט אים געקאָנט אַרויסשטויסן פון זיין גלייכגעוויכט, ניט יום כפור האָט אים געקאָנט איבערוועלטיקן.

ס'איז געווען אַ מענטש וואָס האָט געהאַלטן פון דריי זאַכן:

פריִער איך, דערווייַלע איך, און נאָכדעם — ווידער אַמאָל איך...

(1937)

ר׳ שמעיה

אז מענטשן זאָלן רחמנות האָבן אויף אָרעמע און שוואַכע איז גאַנץ נאַטירליך, אָבער אַז איינער זאָל פיינט האָבן מענטשן בלויז דערפאַר ווייל זיי זיינען אָרעמע און שוואַכע, אַזאַ־אַ מענטש איז אַ זעלטענע דערשיינונג. אַזאַ מענטש איז אַ קאַנ־דידאַט פאַר פּסיכאָ־אַנאַליטיקער. וואָס אָנבעלאַנגט מיך, פאַר־נעם איך זיך ניט מיט פּסיכאָ־אַנאַליטיק. איך וועל בלויז באַשרייבן אַזאַ מענטשן און זאָלן אים אַנדערע אַנאַליזירן.

* * *

ר׳ שמעיה איז געווען דער הויפּט־באַלעבאָס אין דובאָי. ער האָט פאַרמאָגט עטלעכע טויזענטער. אין אַן אָרט פון בלויזע אָרעמעלייט, קבצנים, איז ער שוין געווען אַ גביר.

קיין חוצפה׳ניק, אָדער גרויסהאַלטער, איז ער אָבער ניט געווען, פאַרקערט, ער איז, קאָן מען זאָגן, אַן עניו געווען. פיל מאָל פלעגט טרעפן אַז ער האָט באַגעגנט אַ פיל אינגערן פון זיך און האָט אים אַ „גוט מאָרגן" אָפּגעגעבן, אָדער אַ „גאָט העלף". אמת, דער יונגערמאַן איז פון גרויס יחוס גע־ווען, אָדער פון רייכע עלטערן, אָבער דאָך...

הייננט אַ פרומער! וואָס שייך צו זאָגן, פרום ווי די פרומס־טע אין דובאָי!

און אַ גוטער. אמת קיין גמילות חסד האָט אַן אָרעמאַן ניט געקאָנט קריגן באַ אים. קיינמאָל ניט! דערפאַר אָבער האָט ער איינעם, אַ גרויסן בעל יחסן, אוועקגעליען אַ פיל גרעסע־

רע סומע ווי ס'איז אים אליין געבליבן. און הגם יענער האָט אים אָנגעזעצט, האָט אים קיינמאָל ס'געלט ניט צוריקגעגעבן, הייסט עס, האָט אים ר' שמעיה מוחל געווען במחילה גמורה, כדי יענער זאָל קיין שטערונג ניט האָבן אריין צו גיין אין— גן עדן...

און די גרעסטע הנאה האָט ער געהאַט, ר' שמעיה, אז ער האָט זיך געפונען אין דעם בעל יחסנ'ס געזעלשאַפט. די שכינה האָט ממש גערוט אויף אים...

און מיינט ניט אז בלויז צו גבירים און יחסנים איז ער אזוי גוט געווען, אויך ארעמעלייט האָבן געגאָסן פון זיין גוטסקייט. אמת, ניט אין אזא גרויסער מאָס ווי גבירים און יחסנים, אבער דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל — „וואָס איז דען איין מענטש—א „קאַזניא", אז ער זאָל קאָנען העלפן די וועלט די גאַנצע?"

אבער ס'פלעגט זיך מאכן: א בהמה האָט זיך אָפּגעקעלבט בא אן ארעמאַן; אכט אדער ניין טעג שפּעטער פלעגט דער ארעמאַן דאָס קעלבל קוילן. אזא יום טוב! — איז ר' שמעיה געקומען דאָס פעלכל קויפן און פאַר איין וועג אויך אויס־טרייבערן די צוויי זייטלעך פלייש אָן געלט, פארשטייט זיך... בלויז די אדערן פלעגט ער צונעמען פאַר דער קאַץ זיינער.

ער איז געווען א איד אָן זאָרג. ער האָט געגלויבט אז גאָט וועט העלפן, הגם ער פלעגט זיך אליין העלפן...

א איד א מיטל־וואוקסיגער, א ברייטער. ווי דער מצב זיינער, אזוי זיין גאנג: א פעסטער זיכערער טראָט.

די קליידונג זיינע: ריין, ציכטיג, אָן לאַטעס, ניט ווי בא

די מערסטע דובאָיער באַלעבאַטים. אויב זיינע שטיוול האָבן געדאַרפט פאַרריכט ווערן, עס מאַכט ניט ווי קליין דאָס פאַרריכטן האָט געזאָלט זיין, — האָט ער געקויפט נייע.

תמיד מיט א זייגער און קייט, און א שאַרפן מעסערל אין קעשענע. מיטן מעסערל פלעגט ער ממש וואונדער ווייזן.

ניט האָבנדיג וואָס צו טאָן, פלעגט ער זיך ארומדרייען איבערן דאָרף. ארויס פון איין הויז, אריין אין דער צווייטער. פלעגט ער אימיצן טרעפן אין הויז, איז — „גאָט העלף!" אויב אבער קיינער איז אין הויז ניט געווען, פלעגט זיין מע־סערל טעטיג ווערן... ער פלעגט ארונטערנעמען א גאַנצן לאַבן ברויט פון ערגעץ א פאָליצע, — ער האָט שוין געוואוסט וואו דאָס ברויט ליגט, — ארויסנעמען דאָס שאַרף מעסערל זיינס, צעשניידן דעם גאַנצן לאַבן ברויט אויף המוציא'ס און — ארויסגייען.

נאַטירליך, בלויז אין ארעמע הייזער פלעגט ער טאָן אזוינס. אין רייכע הייזער איז — דרך ארץ!

היינט א שטיפער איז ער געווען!

ער האָט תמיד געטראָגן אַ שטעקן:

מאָלט אייך: ס'איז געווען אַ שיינער שטעקן מיט אַ פאַרבייגטער הענטל. אַהאַ! אָרעמע קינדער האָבן געקענט דעם שטעקן ווי זייערע צען פינגער...

בעת קינדער זיינען ארומגעלאָפן און זיך געשפּילט, פלעגט ר' שמעיה פאַרבייגייענדיק א שלעפּ־טאָן מיטן פאַר־בייגטן זייט פון זיין שטעקן אַ אינגל פאַרן פוס און דאָס ארעם קינד פלעגט א פאַל־טאָן אז קוים וואָס די אברים'לאך

זיינע האָבן זיך ניט צעשאָטן, און ר׳ שמעיה פלעגט שטיין און שמייכלען... און אַז דער אינגעל האָט פון כעס און ווייטאָג באַליידיגט אים, איז ר׳ שמעיה ניט אין כעס געוואָרן, חלילה! כעס איז עבודה זרה. ער האָט דעם אינגל דערלאַנגט מיטן שטעקן וואו נאר ער האָט געטראָפן און אוועקגעגאַנגען מיט א שמייכל, ווי איינער זאָגט: — אז ניט טוט אים דען וויי, דעם ארעמאַנסקען שמאַדאַלניק? ווייס איך וואָס!...

ער האָט, הפנים, באמת געגלויבט אַז אַן אָרעמאַנסקע קינד ליידט ניט קיין ווייטאָג... ער האָט אַמאָל אַליין דער־ציילט ווי אַזוי ער האָט געשלאָגן אַן אָרעמאַנסקן אינגל. ער האָט געזאָגט:

— איך האָב אים געשלאָגן ווי אַ ווילדאַק און ער האָט זיך געוואָרפן ווי אַ טשיקערדאַל!

צי האָט ער זיך אַמאָל פארטראַכט אַז ער וועט ווען עס איז דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון? איך גלויב אַז ניט. ווייל קוים האָט ער זיך נאָר אַוועקגעזעצט אין אַ פּאַזע פון טראַכטן פלעג ער גלייך אָנהייבן דרעמלען...

.1930

מאיר חניע׳ס

אז איינער באַ אונז האָט געוואָלט א צווייטן באַטיטלען מיט די עפּיטעטן: „נאַר“, „שוטה“, „טפּש“, „תּם“, האָט ער אים אָנגערופן: מאיר חניעס...

מאיר חניעס, דער מענטש וואָס האָט באַזעסן די דאָזיגע טיטולן, איז געווען פון מיטעלן וואוקס, א געלבער, מיט אויגן ווי פון גלאָז געגאָסן, אָן שום לעבן אין זיי, הגם זיי האָבן זיך באַוועגט...

דער פאָטער זיינער איז א הענדלער געווען, איז עס אוודאי געווען א ירידה פאַרן פאָטער צו לאָזן לערנען זיינעם אַ זון שמידעריי, ער האָט זיך אָבער ניט געקאָנט העלפן, ווייל צו געשעפט האָט ער זיך ניט אויסגעטויגט.

פאַר אַ שמיד האָט ער זיך אויך ניט אויסגעטויגט, איז ער פאַרבליבן אַ־אַ־אַ גאָרניט, ביז ער איז אוועק דינען.

איך שטעל מיך פאָר, אז ער האָט זיך געוווג אָנגעליטן בעת׳ן דינען, ווייל וואָס פאַרשטייט אַן אונטער־אָפיציר וועגן אַזעלכע זאַכן, ווי דאָס, אַז אַ מענטש איז אַ האַלבער איד־יאָט און קאָן ניט באַנעמען דעם „סלאָוועסנאָסט“ און דאָס איבריקע וואָס אַ סאָלדאָט דאַרף וויסן און קענען?

קומענדיק פון מיליטער־דינסט, האָבן זיינע טאַמעוואַטע אויגן באַקומען אַן אויסדרוק פון שרעק און פאַרביטערונג, אָבער קליגער זיינען זיי ניט געוואָרן...

ניט געהאַט צו וואָס צו נעמען זיך, האָט ער גענומען און

חתונה געהאַט — ווייל, ווי אויבן געזאָגט, ער האָט ניט געהאַט עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן, צוווייטנס, די גאָלדענע יויך...

ווען ער איז נאָך אַ קליין אינגל געווען, האָט ער געהערט ריידן וועגן דער גאָלדענער יויך, וואָס יעדער חתן קריגט באַלד נאָך דער חופּה — — — וואָס האָט ער דען מערער געקאָנט טאָן ווי וואַרטן ביז — יאָ, ביז ער וועט אַליין אַ חתן ווערן און מ׳וועט אים דערלאַנגען די גאָלדענע יויך ?... ווייטער טראַכטן האָט ער שוין ניט געקאָנט, ווייל ס׳פלעגט ווערן אַ מהומה, אַ צעמישעניש אין זיין אויבערשטיבל — — —

און אָט איז ער טאַקע אַליין דער חתן און זיצט אויבן־אָן, נעבן אים די כלה, און די מחותנים פוןביידע זייטן. מען זיצט און מ׳עסט וועטשערע.

מאיר עסט אויף ביידע באַקן. עפּעס אַ קלייניקייט: אַזאַ יום טובדיגער מאָלצייט — — —

אַז ער האָט שוין אַלץ אויפגעגעסן, גיט ער אַ קאָמאַנדעווע מעשה־הערשער:

— די גאָלדענע יויך אהער! — — —

— דערלאַנגט די גאָלדענע יויך! — — —

ס׳האָט ניט געהאָלפן דאָס טענה׳ן אַז ער האָט שוין זיין יויך אויסגעזופּט. ער האָט געשריען און געכעסט זיך אַז אים קאָן מען ניט נאַרן, ער ווייסט וואָס אַ גאָלדענע יויך איז — — —

קאַרג איז ער געווען ווי אַ סקאָטלענדער. ער פלעגט דער פרוי זיינער אויסציילן די בעבלאַך אין טעפּל. האָט זי

לאַנג אויסקומען מיט אים ניט געקאָנט אין זיי האָבן זיך גע׳גט.

נאָכן גטן זיך איז ער אוועקגעפאָרן קיין קיעוו. (דאָרטן האָט ער געהאַט געדינט) ער האָט זיך דאָרטן באַשעפטיגט מיט — אַרומגיין איבער די הייזער — — —

אַזוי אַרום האָט ער אויפגעקליבן עטלעכע הונדערטער.

פון שכל איז ער ריין געווען, ווי אַ ערשט־געבאָרן קינד איז ריין פון זינד.

טאָ ווי אַזוי איז ער דורכגעקומען אין לעבן?

קודם כל מיטן אינסטינקט, ווי אַלע חיות, און צוויטנס, האָבן זיך אין פאַרלויף פון יאָרן באַ אים אָפּגעדרוקט אייג־דרוקן, אויסדרוקן, פראַזן, וואָס ער האָט געזען און געהערט און ווי אַ קינד נאָכגעטאָן און נאָכגעזאָגט, אָן שום קריטישן נאָכטראַכטן.

די ווערטער און פראַזן זיינען ניט פאַרדייט געוואָרן, ניט איבערגעקאָכט געוואָרן, נאָר ווי צוגעקלעפּט געווען פון אויבן ווי אַ צוגעקלעפּטע באָרד.

ער פלעגט ניט באַנוצן די פראַזן ווי ס׳געהער צו זיין, נאָר ווי אַ מענטש וואָס באַנוצט זיך מיט אַ ניי־מאָדנעם מע־כאַניזם מיט וועלכן ער איז נאָך ניט באַהאַוונט.

אַ פּאָר ביישפּילן וועלן עס קלאָר מאַכן:

ער האָט זיך געקליבן פאָרן קיין אַמעריקע. איז ער, ווי דער שטייגער איז, געגאַנגען זיך געזעגענען מיט באַלע־באַטים, איז זיך מישב איינער פון די באַלעבאַטים, און פאַר־כאַפּט אים דעם וועג און זאָגט:

— זיי געזונט, מאיר!

— פאָרט געזונט! — האָט מאיר געענטפערט, הגם ער, מאיר, איז דאָס געווען דער יעניגער וואָס איז געפאָרן, ניט דער באַלעבאָס — — — — —

ער האָט געהערט אז ווען מען זאָגט „זיי געזונט!" דאַרף מען ענטפערן „פאָר געזונט!"

ווער ס׳דארף זאָגן „זיי געזונט" און ווער „פאָר געזונט" האָט ער ניט געוואוסט.

נאָך אַ ביישפּיל:

ער האָט אַמאָל געוואָלט אויסדריקן גרויס באַדויערן וואָס זיין שוועסטער האָט פאַרלאָרן אַ קינד, מאַכט ער:

— ווען איך פאַרליר עפּעס פון קעשענע וואָלט מיך ניט אזוי געאַרט ווי דאָס, וואָס טייבעלע (זיין שוועסטערס קינד) איז געשטאָרבן...

כאָטש ער האָט זיך געהאָדעוועט צווישן גויים און גע־דינט א צייט, דאָך האָט ער רוסיש ריידן ניט געקאָנט.

קיין אידיש אויך ניט...

אָט ווי ער האָט דערציילט פאר גויים ווי ער האָט גע־גנב׳עט דעם גרענעץ:

— כ׳האָב מיך באַהאַלטן מיט היי,
כ׳האָב געטרונקען מיט טיי.

1931.

בערל שעיה׳ס

אז אַ מלמד האָט דורכן פענסטער געזען בערלען שעיה׳ס דערנענטערן זיך, — הגם בערל האָט גאָר אין זי־נען ניט געהאַט אריינצוגיין אין חדר, — האָט זיך דעם מלמד אָפּגעריסן אין האַרצן. ווייל פאַר בערלען, האָט דער מלמד געוואוסט, וועלן זיינע בעסטע תלמידים ניט קאָנען גוט געננוג. מ׳האָט פאַר בערלען ניט געקאָנט אָפּקומען מיט שיהי פּיהי.

פאַרטייטשן אַ פרשה חומש מיט רש״י, ווי אויסזופּן אַ טעלער זופּ, איז פאַר אים ניט געננוג געווען.

בערל אַליין האָט אין שלאָף אפילו געקאָנט אָפּלערנען א פרשה חומש מיטן „זאָגט רש״י״, „מאַכט רש״י״, און „פרעגט רש״י״, ווער שמועסט אז ער איז געווען וואָך! היינט וואָס איז מכח אַ פרק משניות? ניט אומזיסט האָט מען אים גערופן „דער רב״ הגם ער איז גאָר געווען א שניידער.

זיין אָרט ריידן איז געווען פון א תלמיד חכם אויס־געצירט מיט אויסדרוקן פון תנ״ך און תלמוד, דערביי איז זיין קוואָטאַציע געווען א ריכטיגע, ניט פארגרייזט, ווי א איד אַן עם הארץ פלעגט עס טאָן.

דער שטענדיקער בעל קורא איז ער געווען. אַז ער פלעגט זיך אַוועקשטעלען איבערן אָפּענעם ספר און אַ זאָג טאָן:

„ואתם הדבקים״ א. א. וו. האָט זיך געדוכט אַז די תורה

און ער קאָנען זיך שוין זינט העט, העט, אַז זיי זיינען אַלטע באַקאַנטע, אַזוי דרייסט האָט ער זיך געפילט נעבן איר...

אביסל העכער פון מיטעלן וואוקס מיט שיינע געזיכטס־ציגע. אַ באָרד, וואָס איז זעלטן געקאַמט געוואָרן, האָט פאַר־שטעלט כמעט דעם גאַנצן פּנים זיינעם.

ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע דובאָיער באַלעבאַטים.

צווישן אָנגעזעענע חשובע באַלעבאַטים האָט ער תמיד געהאַט אַ שמייכל. האָט מען אים דערפאַר אונטער די אויגן גערופן „ליסיצאַ״, פוקס הייסט עס. פּאַרקערט־זשע, צווישן שוואַכערע פון זיך, ווי למשל, אַ לערן־אינגל באַ אים, אָדער אַן אָרעמער באַלעבאָס אַ פּראָסטער א. א. וו. זיינען די אויגן ביי אים געוואָרן אָנגעכמאַרעט, דער פּנים אָנגעצויגן, — אויב ער האָט אין גאַנצן געפונען פאַר נויטיק צו עסק׳ן זיך מיט שוואַכערע...

איך געדיינק מיט וואָס פאַר אַ ביינקשאַפט ער האָט אַמאָל גערעדט וועגן אַ באַקאַנטן אידן אין אַ דערבייאיקער שטעטל, וואָס שטייט אויף יעדע נאַכט לערנען, אַנגרייטן אַ יענע וועלט. וואָס האָט אים געשטערט צו טאָן דאָס אייגענע, ס׳הייסט אויפ־שטיין פאַרטאָג און לערנען אַ שעה אַנדערהאַלבן?—

לערנען האָט ער געקאָנט אַ היבש ביסל, אויפשטיין פאַר־טאָג האָט ניט געדאַרפט זיין צו־שווער פאַר אים, ווייל ער האָט ניט געאַרבעט צו־שווער בייטאָג. זיין זון, אַ פּעאיקער יונגערמאַן, האָט אָנגעפירט מיט דער שניידעריי.

איך גלויב אַז ער פלעגט עס טאָן אויך.

פאַר די העכער צוויי יאָר וואָס איך האָב געאַרבעט בא בערלען, איז מיר אָפט אויסגעקומען צו נעכטיקן בא אים אין הויז. פלעגט ער יע אויפשטיין פאַרטאָג לערנען. נאָר צי ער האָט עס געטאָן מיט א כיוון כדי מיך אויפצוואוועקן (ער פלעגט זיך זעצן לערנען פונקט דאָ וואו איך בין גע־שלאָפן...) אדער ס'איז בא אים געווען א טעגלעכע רוטין, קאָן איך באַשטימט ניט זאָגן.

ער האָט געהאַט א שניט־קראָם, חוץ וואָס ער איז גע־ווען פאַררעכנט פאַרן בעסטן שניידער. דערפאַר האָט ער געהאַט פיל קונדן צווישן די אָנגעשטעלטע באַם וואָקזאַל וואָס איז געווען א מייל אוועק פון דובאָי.

ווי קומט די קאַץ איבערן וואסער? ער פלעגט עטלעכע מאָל אין יאָר דינגען אַ פערד־און־וואָגען פון אַ פויער און פאָרן צום וואקזאל מיט שניט־סחורה.

אַ פּאָר מאָל בין איך מיטגעפאָרן, געדיינק איך ווי ער פלעגט שלאָגן דעם פערד מכות רצח. אז דאָס פערד איז לעבן געבליבן נאָך אַזאַ נסיעה, איז געווען נסים ונפלאות.

ווען מ'זאָל מאַכן אַ רעזומע פון בערל'ס כאַראַקטער וואָלט מען געקומען צום שלוס, אַז די זוניקע און שאַטענ־דיקע זייטן זיינע וואָלטען זיך פולקאָם אויסגעגליכען.

בערל וואָלט מסתמא וועגן דעם געזאָגט: „יצא הפסדו בשכרו״.

.1938

משה העניע׳ס

אז איר וואָלט געוועזט פרעגן אויף משה׳ן טרילאקאָוו, וואָלט מען אייך געוועזן אָנגעקוקט ווי אַ האָן אין בני־אדם.

— וועלכן משה׳ן ווילט איר? — וואָלט מען אייך גע־פרעגט, — רעדט, שעמט אייך ניט.

פרעגן אויף משה׳ן העניע׳ס וואָלט פאַרשפּאָרט פיל קאָפּ־דרייעניש.

ניין, ניט זיין מוטער׳ס נאָמען איז געוועזן העניע, נאָר זיין ווייב׳ס. העניע איז ניט געוועזן קיין גרעסערער בר־דעת פון משה׳ן. אים האָט מען גערופן משה העניעס דער־פאַר, ווייל משה׳ס זיינען געוועזן עטלעכע בא אונז, בעת העניע, איז זי געוועזן די איינציגע.

ער איז געוועזן אַ ביסל נידעריקער פון מיטעלן וואוקס, אַ געלב־גרויער מיט בייזע אָנגעברוגזטע גרויע אויגן, וואָס האָבן תמיד געקוקט אראָפּ, אָן א זייט.

אן עם הארץ איז ער געוועזן אזא גרויסער, אז מ׳האָט אים געמעגט רופן „רב עם הארץ״... וואָס קאָן שוין זיין ערגער ווי דאָס — ער האָט ניט געקאָנט קיין שייטל עברי!

און טראָץ דעם פלעגט ער זיך תמיד רייסן צום עמוד. נאָר איין גאָט זאָל אים מוחל זיין ווי ער פלעגט עס צע׳הרגע־ענען די עברי בעת׳ן דאווענען, ממש צוקאליעטשעט יעדן וואָרט...

אָבער ווייטער ווי ברוך שאמר האָט הפנים זיין העזה אויך ניט געטראָגן, ווייל די עברי ווערט וואָס ווייטער שווע־רער און — — נאָך אַלעמען קיין גזלן איז ער דאָך פאָרט ניט געווען — — — —

פרום איז ער געווען ווי עס קאָן נאָר פרום זיין אַ בשר־ודם און עם הארץ.

אַ פאַרברענטער סטאלינער חסיד, איז דאָס חסידות בא אים געשטאַנען העכער ווי אלץ אין דער וועלט, ווי־ווי— די פאָלגענדע מעשה'לע וועט עס אַמבעסטן אילוסטרירן:

אַמאָל האָט גאָט באַגעגנט משה'ן העניעס, מאַכט גאָט:

— שלום עליכם א איד!

ענפער משה, ברוגז ווי זיין מאָדע איז:

— עליכם שלום! ווער זיינט איר?

זאָגט גאָט:

— איך בין גאָט.

פרעגט משה:

— זיינט איר אַ סטאלינער חסיד?

ענטפערט גאָט:

— איך א סטאלינער חסיד? ניין!

ווערט משה ברוגז:

— האָב איך מיט אייך גאָרניט וואָס צו טאָן! — און גייט אַוועק — — —

ער איז געווען א גרויסער שווייגער. ס'האָט געקלונגען ווי אַ לעגענדע ווען איינער פלעגט זאָגן:

„משה העניע'ס האָט מיר דערציילט". ס'איז געווען ווי־

אַן אַבסורד. ווייל משה העניעס און ריידן זיינען געווען ווי צוויי קעגנגעזעצטע פּאָלוסן וואָס קומען זיך קיינמאָל ניט צוזאַמען.

זאָגט איר אַליין, וואָס שטעלט זיך אייך פאָר ווען מען זאָגט אייך: „צוויי אידן שמועסן״?

איך זע צוויי גוטמוטיגע אידן זיצן נאָענט איינער נעבן צווייטן, קוקן זיך אַריין איינער דעם אַנדערן אין די אָפענע פריינטלעכע אויגן און ריידן אַזוי געמיטלעך, טאַ ווי האָט משה געקאָנט שמועסן אַז קודם כל איז ער תמיד געווען ברוגז אויף דער וועלט דער גאַנצער, און אַ בייזער! און קיינמאָל ניט געקוקט אַ מענטשן גלייך אין די אויגן אַריין.

אָבער אַז ס׳איז געקומען שמחת תורה, איז געבאָרן געוואָרן אַן אַנדער משה העניעס, אַ משה פול מיט לעבן, מיט פרייד, מיט חדוה! היינט דאָס ריידן זיינס, — וואָס ער פלעגט עס צו ריידן אין דעם דאָזיגן טאָג! מיט יעדן איינעם, מיט שונאים, מיט ווייבער, מיט אַלע ווייבער! היינט דאָס טאַנצן זיינס און האָפּען און בייגן זיך ווי אַן אמת׳ער אַקראָבאַט, און דאָס באַוועגן מיט די דאַרע שניידערשע הענט ווען די ארבל פון העמד און קאַפּאָטע פלעגן זיך ארויפראָלן העט איבער די סאַמע אַקסלען, און זיין טרינקען ניט אויף צום פלייסן, ווייל טרינקען פלעגט ער אַ גאַנץ יאָר. ער פלעגט זיך טייל מאָל אָנטרינקען ווי ניט קיין איד... ער האָט זיך געגוויטיגט אין בראַנפן פיליכט מערער ווי אין ברויט, ער פלעגט זיך אָבער שעמען, אָבער שמחת־תורה

האָט ער זיך ניט געדאַרפֿט שעמען, פֿלעגט ער טאַקע טריב־קען.. .

היינט דאָס זינגען זיינס, — וואו האָבן זיך עס גענומען צו אַן אויסגעדאַרטן שניידער אַזוי פֿיל כּחות?

פֿאַרנאַכט־צו אַז די כּחות פֿלעגן אים אָנהייבן פֿאַר־לאָזן, פֿלעגט ער זינגען:

אוי וואָלט איך כּח האָבן,
וואָלט איך געגאַנגען
איבער אַלע גאַסן
און וואָלט געשריען: שבת!
אוי־ווײ שבת!
שבת, שבת, שבת! א.א. וו.

1931.

ר׳ איטשע דער מלמד

ר׳ איטשע דער מלמד איז געווען אַן אינסטיטוציע פאַר זיך אליין בא אונז אין דובאי.

ער איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט דערצויגן צוויי דורות אידן.

א הויכער, א סטראַינער איז ער געווען, מיט א מילך־ווייסער באָרד, די וואָנצן אונטערן שיינעם אָדלער־נאָז — געלבלאך אָביסל פון דעם שמעק־טאַבאַק וואָס ער פלעגט אַזוי אָפט שמעקן. ווייס איז ער געווען זינט כ׳האָב אים געדיינקט. ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַז ער איז געבאָרן געוואָרן אַ גרויער, ווי אין דער כינעזישער לעגענדע, וואו ס׳ווערט דערציילט וועגן איינעם פון זייערע חכמים, אז בעת׳ן געבוירן ווערן איז ער זיבעציק יאָר אַלט געווען.

דערקאָנען פלעגן אים די דובאיער איינגלעך, ווען זיי זיינען פינף יאָר אַלט געוואָרן.

און פון דאמאָלט אָן פלעגן זיי אים זען יעדן טאָג — חוץ ימים טובים — פאר א משך פון זעקס ביז אכט יאָר.

ניט ווינציק קללות האָט ער אַריינגעכאָפּט פון די איינגלאך פאַר דער צייט... איך געדיינק אָבער ניט אַז ער זאָל האָבן ווען עס איז קראַנק געווען.

אין דובאיער גאַסן האָט מען אים זעלטן געזען גיין — חוץ אינדערפרי און פאַרנאַכט אין דער ריכטונג פון שול.

פלעגט מען זען שפּאַנען זיין הויכע פיגור און שיינע

געשטאַלט מיטן שטעקן אין האַנט און די פּיס קוים וואָס זיי האָבן אָנגערירט די ערד (ער פלעגט טראָגן אַכט אָדער צען יאָר איין פּאָר שיך), האָבן באַלעבאַטים געוואוסט אַז ס'איז צייט דאַוונען גיין.

געווען אין דובאי פּרומע אידן. און ווער איז אין דובאי ניט פרום געווען? אפילו קינדער! אָבער ער איז געווען פון די פרומסטע דער פרומסטער.

קלוגע אידען האָבען מסתמא אַביסל געצווייפלט אין זיין פרומקייט, אָבער די ווייבער — — —

דערציילט א פרוי, חיה־שרה, מאיר דעם קורצנ'ס, אַז איין מאָל האָט זיך איר גע'חלומ'ט אז משיח קומט און ס'איז געוואָרען אַ גרויסע מהומה, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן ר' איטשע'ס קאַפּאָטע און — — — שוין, וואָס האָב איך וואָס מורא צו האָבען, אַז איך האַלט מיך אָן ר' איטשען?! . . .

איז ער געקומען אין שול אַריין, איז גלייך אין זיין ווינקל אין מזרח־צפון און גלייך זיך איינגעוויקלט אינם טלית.

דאָס דאַוונען זיינס: גיך־גיך און האַלבע ווערטער, וואָס ער פלעגט איבער'חזר'ן עטלעכע מאָל. דערפאר איז ער תמיד געווען דער לעצטען אויסצוגיין שמונה־עשרה אדער אָפּדאַוו־נען.

ימים נוראים פלעגט ער זיך צעוויינען אויפן קול, ווען ער האָט געזאָגט „ומפני חטאנו". ער האָט, ווייזט אויס, באמת געביינקט נאָך דער צייט פון בית־המקדש וואו ער וואָלט געהאָלפען אָפּריכטן די עבודה. ער איז אַ כהן געווען.

הגם ער איז געווען א מלמד, איז ער אָבער קיין גרויסער

למדן ניט געווען. א פרשה חומש מיט רש״י, א קאַפּיטל תנ״ך קוים. קיין גמרא האָט ער מיט די בעסטע אינגלעך ניט געלערנט ווייל ער האָט עס אליין ניט געקאַנט.

אין חדר איז ער שוין גאָר ניט געווען קיין צדיק, ער האָט געשלאָגען די אינגלאַך מכת־רצח.

ווען די קינדער האָבן זיך צעשטיפט, פלעגט ער ארויס־לויפן פון אויבן־אָן, וואו ער איז געזעסן און געלערנט מיט א כיתה אינגלאַך, און פלעגט שלאָגן אָן רחמנות:

— איך זאָל פון אייך קיין דוך ניט הערן! (ס׳הייסט, מ׳זאָל אזוי שטיל זיין, אז מ׳זאָל זיי ניט הערן אָטעמען).

ווען ער איז זייער צופרידן געווען מיט אַ אינגל, —דער אינגל האָט געקאָנט די סדרה חומש מיט רש״י, — פלעגט אים ר׳ איטשע אָננעמען מיט צוויי דאַרע פינגער פאַרן באַק און אַזאַ שטשיפּע טאָן, אז דעם אינגל פלעגט זיך שטעלן טרערן אין די אויגן, פאַר וויטאָק — — — ר׳ איטשע פלעגט בעת מעשה אַ טשמאָקע טאָן מיטן מויל אָן צייַן:

— מאלאדיעץ, שייגאץ! יאַק יידעש טאַק פערעיידעש אַ יאַק ניע יידעש טאַק ניע פערעיידעש!...

וואָס דאָס האָט געקאָנט מיינען:

אז דו וועסט וועלן וועסטו קאָנען און אויב דו וועסט ניט וועלן וועסטו ניט קאָנען.

אדער:

אז דו וועסט זיך פארנעמען צו זיין א איד וועסטו עס זיין; אויב אבער דו וועסט זיך ניט פארנעמען, וועסטו ניט זיין קיין איד.

אין פארלויף פון דרייסיק יאָהר האָט ער בלויז איין זמן ניט געקנעלט.

ס׳איז אזוי געווען:

זיינער א זון און נאך איינער האָבען אפגעדונגען די „באַלאַטאָ״ ביים דובאיער פריץ. (א זומפיקער היי־פעלד וואו עס וואַקסט א זייער געמיינער היי), איז ר׳ איטשע געווארען דער בוכהאַלטער, האָט ער ניט געדארפט קנעלן.

אגב איז יענעם ווינטער געווען א גרויסער זול אף היי, און ס׳איז זיי, די שותפים, געשטאַנען פיל צו פארלירן, אבער ר׳ איטשע האָט אזוי געפירט די ביכער, אז זיין זון איז ארויס בשלום. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם שותף, האָט ער פאַרלאָרן דעם גאנצן פארמעגן.

— אזוי האָבן בייזע צינגער גערעדט.

אז ער פלעגט שלאָגן זיך זון, א בחור׳ל פון פופצן־זעכצן, האָט די רבי׳צן ניט געלאָזן. דער זון איז ביי איר געווען אן איין־איינציקער. (ר׳ איטשע האָט געהאט א זון פון דער ערשטער פרוי, דער אויבן דערמאָנטער סוחר). פלעגט ער איר ענטפערן:

„חושך שבטו שונא בנו״. ס׳הייסט, ווער עס שלאָגט ניט זיין זון איז ער אים א שונא.

האָב איך דאמאָלט ניט געקאָנט פארשטיין וואָס זיין כעס האָט צו טאָן מיט א פסוק אין משלי.

פון פראָגרעס האָט ער ווינציק געהאַלטן. וואָס שייך וויניציק? טאָקע גאָרניט!

וועגן א ניי־מאָדערנעם לערער וואָס די דובאיער באַ־

לעבאַטים האָבן אַראָפּגעבראַכט פאַר זייערע בעסערע קינדער,
— זיי האָבן געדיינקט, און מיט רעכט, אז ר׳ איטשע איז ניט גוט געגנוג פאַר זייערע קינדער, — האָט ער באַמערקט:

— שוין דער נאָמען אליין זאָגט וואָס פאַר א סחורה: „לערער״, ס׳הייסט פוסטער, כע־כע־כע, פוסטער....

שפּעטער אביסל, אז פּראָגרעס האָט זיך געפּרואווט אריינרייסן אין דובאַי אויך, איז ר׳ איטשע געבליבן ביי די אלף־בית תלמידים. די גרעסערע פלעגן לערנען ביי לערער. איז ער שוין ניט געווען מערער דער רודף, וואָס לאַכט אָפּ פון מאָדערנע לערער.

ס׳איז געווען א גרויס רחמנות ווי ער פלעגט זיך עס פאַרטיידיקן, אז ווען מ׳זאָל אים געבן קינדער מיט גוטע קעפּ־לעך וואָלט ער אויך געקאָנט באווייזן וואָס ער קאָן. אַלס א ראיה פלעגט ער אָנווייזן אויף יעקב מענדלען טרייבע׳ס, וואָס האָט ערגעץ ניט געלערנט חוץ ביי ר׳ איטשען און — —

— פונדעסטוועגן, — פלעגט ער פאַרענדיקן, — ווער וועט לייקענען אז ער קאָן? . . .

ס׳איז אָבער געווען ווי א קול אין מדבר, קיינער האָט זיך ניט צוגעהערט.

זייער א סימפּאַטישן שטריך זיינעם איז כדאי צו דער־מאָנען:

ער האָט קיינמאָל ניט גענומען קיין ביסן אין מויל אריין אידער ער האָט דער קאַץ זיינער ניט געגעבן עפּעס צו עסן.

.1931

יודע דער מאהילנער

יודע איז ניט געווען קיין דובאיער, ער איז אבער אזוי צוזאמענגעוואַקסן געווען מיט דובאָי, אז ס'האָט זיך געדאַכט: ס'איז אינגאַנצן א טעות וואָס ער לעבט ערגעץ אַנדערש.

דאָס איז געווען א איד וואָס האָט שטאַרק דערמאנט אן יהודה'ן פון מדרש, יהודה'ן דעם גיבור, וואָס האָט געסטראַשעט פרעה'ן אז ער וועט אויסהאַרגענען האַלב מצרים . . .

א הויכער, א ברייטער, מיט א לאַנגער געלער באָרד, מיט אָפענע קינדערשע אויגן און שאַרף־ריישיקן אויסשפּראַך, האָט ער פאַרקערפּערט פרימיטיווע גבורה, רויע קראַפט. גאָר־ניט ענלעך צו שטעטלדיקע אידן.

צוויי אידישע פאַמיליעס האָבן זיי געלעבט צווישן א דאָרף גויים. ער און זיינער א זון.

וואָס פאַר אַ איד וואָלט זיך עס ניט געקאָנט דורכלעבן צווישן אזוי פיל פויערים? — אבער ניט יודע! ער איז געווען א „פלאַטניק", ווי פון פעטער דעם גרויסנ'ס צייטן ארויס . . . ס'הייסט א טעשלער און פון דעם האָט ער מפרנס געווען א ווייב און קינדער.

צו יעדן יומא דפגרא פלעגט ער קומען קיין דובאי. אויף ימים טובים און ימים נוראים פלעגט ער מיט דער גאַנצער הויזגעזינד קומען.

אז ער פלעגט שפּאַנען איבער דובאיער גאסן מיט מאסי־ווע טריט, פלעגן באַלעבאַטים גוטמוטיג שפּאַסן:

— דער ישובניק אונזערער איז שוין געקומען.

דער לשון זיינער — א פרימיטיווער, פול מיט לאָקאַ־ליזמען. זיינס א קינד האָט ער געפּרואווט איינשטילן אזוי:

— ווייַן ניט מיין קינד, וויין ניט דורנאיא, אט וועלן מיר באלד עסן כפרה מיט לייטער. (כפרה, דאָס איז די עוף מיט וועלכער מען שלאָגט כפרות ערב יום כיפור, און לייטער איז אזא חלה וואָס מ׳באַקט ערב יום כיפור און כאַפּט דעם אָנ־בליק פון א לייטער).

ער האָט אמאל ארויסגעשיקט א קינד זען צי די לבנה איז דאָ. דערווייל האָט ער זיך פאררעדט מיט א גוי. אז דאָס קינד האָט איהם אָנגעהויבן שטאַרק דאקוטשען ער זאָל גיין גיכער, ווייל עס זעען זיך וואָלקנס אויפן הימל, האָט ער אויסגעשריגן:

— לאָז מיך אָפּ, ניט כוואָרע איז זי וואַרטן!

א מענטש וואָס האָט קיינמאָל צו קיינעם קיין טענות ניט געהאט, מיט אַלץ און אלעמען צופרידן געווען, פלעגט ער זאָגן:

— אז מיין ראָסל — זיין פרוי — קאָכט אָפּ א בלויזן קרופּניק, איז עס בעסער ווי לייטעשער געבראָטנס און אז זי קאָכט אָפּ אַ שטיקל פלייש . . . נאָר צו וואָס פאר אַ קלאָגן באַלאַקען, בעסער שוין זאָגן א קאַפּיטל תהילים.

קיין לוקסוסן האָט ער קיינמאָל ניט געהאט און ניט גע־זוכט צו האָבן.

די איינציגע אויסברענגערישקייט זיינע איז געווען די גרויסע ליולקע וואָס ער פלעגט תמיד האַלטן צווישן די ציין און פּיפּקען.

אויף יודען קאָן מען זאָגן אָן גוזמא: ער איז געווען אָן איש תם וישר.

1931.

אַלטע ווייבער ווייסן

שאל אביך ויגדך
זקניך ויאמרו לך.

בעת׳ן מצה־באקן האבן די אלטע ווייבער געמורמלט:

— הלואי זאָלן מיר ליגן זאָגן, נאר די הערצער אונזערע... טפוי, טפוי. . . אין א גוטער שעה ריידן, אין א בייזער־שוויי־גן, נאר דער פסח וועט גלאַט ניט אריבערגייך.

— וואָס זשע דען, סוקעוואטע וועט ער זיין? — האָבן לצים געפרעגט.

און אין דער אמת׳ן, ווען און וואו איז עס געהערט גע־וואָרן, אז איין מיירע נאָך דער צווייטער זאָל חמץ׳דיק ווערן? און אז אזא אלטער אויוון ווי ביי ר׳ מרדכי־חיים׳ן זאָל זיך פלוצים צעשפּאַלטן פון היץ . . .

באשר מען ברענט אים, דעם אויוון, טאג ווי נאכט — מען באקט אין אים די דובאיער מצה — טא האָט מען דאך אינ׳ם זעלבן אויוון געבאַקט מצה מיט צוואנציק יאָר צוריק אויך. ווייל שוין צוואנציק יאָר אז די דובאיער באַלעבאטים באַקן מצה אינ׳ם זעלבן אויוועז, און פונדעסטוועגן גארניט... און פלוצים זיך צעשפּאַלטן — — —

און ווייטער:

בערל, דער בעסטער שניידער אין דובאי, האָט פאר־ברענט א גאנצן געבעק מצה . . .

בארעכנט:

דער בעסטער שניידער האָט פאַרברענט א גאנצן געבעק מצה!...

דאַרף מען נאָך בעסערע סימנים וועגן דעם ניט גלאַטן פסח וואָס די דובאיער אלטע ווייבער האָבן פארויס געזאָגט?

סיידן בלויז אפיקורסים האָבן געקאנט צווייפלען . . . אבער ווער עסק'ט זיך עס מיט אפיקורסים?...

אביסל נענטער צו פסח האָבן זיך די סימנים פאַר־שטאַרקט.

ווייבער האָבן זיך אָנגעהויבן באקלאָגן, אז די הינער וואָס זיי האָבן פארזעצט אין די שטייגן כדי זיי צו שטאָפּן און פעט מאַכן אויף פסח, האָבן — אַי גאָט! — אויפגעהערט צו עסן . . .

בקיצור, די סימנים זיינען געווען אויגן־בלענדעדיק....

די נאכט פון בדיקת־חמץ האָט זיך יאַנקל דעם שמיד'ס קוזניע אָנגעצונדן און מיט שרעק און מאטערניש איז עס קוים געלונגען דעם פייער אויסצולעשן. אָבער דאָס איז געווען ערשט אַן אָנהויב . . .

אינדערפרי האָט דאָס שטעטל אויסגעזען ווי אַן אויס־געצוואָגענע, אבער נאָך ניט קיין פארקאמטע.

באלעבאטים האָבן מיט טראָן געשמירט די שטיוול לכבוד יום־טוב.

אנדערע זיינען אין באָד געגאַנגען בעת אנדערע ווידער זיינען שוין געגאַנגען פון באָד.

אייניגע באלעבאטים זיינען שוין אפילו געגאנגען צום

שוחט נאָך ווייַן פאַר ארבע כוסות טראַגנדיק פאַרשיידענע כלים, ווי בונקעס, פלעשער און דאָס גלייַכן.

צוריק־גייענדיק פון שוחט, האָבן די באַלעבאַטים געטראָגן די כלים מיט ווייַן אונטער די פאָלעס פון זייערע קאַפּאָטעס, מורא האָבנדיק פאַרן אויג פון א גוי. (א דובאיער איד וועט ניט נוצן קיין ווייַן אויף וועלכן דאָס אויג פון א גוי איז געפאַלן ווייַל ס׳איז יין נסך).

לויפט זיך אזוי יאַנקל זעליג׳ס און טראָגט אונטערן קאַפּאָטקעלע א פלאַש מיט ווייַן. איז פלוצים, ווי פון דער ערד ארויס, אויסגעוואַקסן דעמיאַן מיכאַלענקאַ און פרעגט אים:

— וואָס טראָגסטו עס, יאַנקל?

— גאַרניט! — וויל זיך יאַנקל זעליג׳ס אויסדרייען.

כאַפּט אים אָן דעמיאַן מיכאַלענקאַ פאַרן האַנט וואָס אונטערן פאָלע און ציט זי ארויס.

דערזעענדיק אז ס׳איז ווייַן, שרייט ער אויס:

— ס׳איז דאָך ווייַן, וואָס זשע פּילסטו?

ווערט יאַנקל צעטומלט און טוט א וואָרף די פלאַש אָן דער ערד און די פלאַש ווערט צעבראָכן אויף שטיקלעך . . .

מיט נצחון זייַנען די אלטע דובאיער ווייבער ארומגעגאַנגען איבער דובאי און ווען זיי האָבן ניט באַגעגנט האָבן זיי באַלד געפרעגט:

געהערט וואָס ר׳ יאַנקלען האָט געטראָפן? נו, ווער איז גערעכט געווען? האַ? — — —

קאָטליעטן

קאָטליעטן זיינען קיינמאָל אין אונזער הויז ניט אריינגע־קומען, ווייל די נויט איז קיינמאָל פון אונזער הויז ניט ארויס־געקומען. . .

און ס׳איז דאָך ידוע, אז נויט און גוטע מאכלים זיינען זיך אייביקע שונאים . . .

האָב איך קיין קאָטליעטן קיינמאָל ניט אָנגעזען. געוואוסט האָב איך אבער אז קאָטליעטן איז זייער א געשמאקער מאכל.

ווער האָט עס מיר דערציילט?

ערשטנס, האָט מיר ברוכ׳קע, ניסן דעם פאסעסארס, דערציילט, צווייטנס, בין איך אריין אמאָל צו שכר דעם שניט־קרעמער, האָט מען דאָרטן ווארמעס געגעסן און ס׳איז געווען קאָטליעטן, האָט זיך דער מחיה׳דיקער ריח צעלייגט אין אלע ווינקעלעך, און דריטנס האָב איך געלערנט א קל וחומר:

מה־דאָך אייער זיינען אזוי גוט און פלייש—אזוי געשמאַק און שמאַלץ — אזוי באַ׳טעם׳ט, א פשיטא שוין ווי גוט מוז עס זיין ווען מען צעהאַקט פלייש און מען קלאַפּט אריין אייער און מען פּרעגלט עס נאָך צו מיט שמאַלץ . . .

אָבער, ווי אויבן געזאָגט, קאָטליעטן זיינען אונזער שוועל ניט אריבערגעטראָטן — — —

האָב איך געטראכט: אז איך וועל אויסוואַקסן און וועל אָנהויבן פארדינען, וועל איך שפּאָרן אזוי לאנג ביז כ׳וועל רייך ווערן און נאָכדעם איז — — קאָטליעטן!...

יא. אויף אָנבייסן — קאַטליעטן; אויף וואַרמעס — קאַט־ליעטן און פאַרן שלאָפן גיין — ווען ביי גבירים זיצט מען און מען טרינקט טיי און מ׳בייסט צו טייערע קיכלאַך און אנדערע מינים געבעקסן, וועט מען ביי מיר קאַטליעטן עסן . . .

אבער ביז וואַנען איך וועל רייך ווערן ווען עס איז, האָב איך דערווייל כאַטש גע׳חלום׳ט וועגן קאַטליעטן, ביז — —

איידער כ׳בין אוועקגעפאָרן קיין אמעריקא האָב איך גע־דאַרפט פאָרן אין א גרויסער שטאָט צו אן אויגן דאָקטאָר און לאָזן אים מיינע אויגן אונטערזוכן. בין איך געפאָרן אין פינסק.

דער חשבון איז געווען דער דאָזיקער: אי פינסק איז א גרויסע שטאָט, אי איך האָב דאָרטן א פעטער.

געקומען קיין פינסק און פאַרפאָרן צו מיין פעטער. אז דער פעטער האָט זיך דערוואוסט אז כ׳בין זיינער א פלימעניק, זיין ברודערס א זון, האָט ער זיך זייער דערפרייט מיט מיר און ער האָט פאַרזאָגט דער מומען אז זי זאָל צוגרייטן א יום־טובדיגן וואַרמעס.

דערווייל בין איך אוועק צו אן אויגן־דאָקטאָר. דער דאָק־טאר האָט מיר אריינגעגאָסן עטלעכע טראָפּנס אין די אויגן און ס׳איז מיר געוואָרן אזוי פינסטער אין די אויגן, אז כ׳האָב מיך דערשראָקן. דער דאקטאר האָט מיך אבער בארואיקט: כ׳זאָל זיך ניט שרעקן, ס׳וועט אָנהאַלטן בלויז א טאָג־צוויי און נאָכדעם וועל איך ווידער זען מיט מיינע אויגן ווי פריער.

אז כ׳בין צוריקגעקומען פון דאָקטאָר, האָט מען גלייך דעם טיש געגרייט און פון קיך האָט זיך דערטראָגן צו מיינע

נאָזלעכער אַ באַקאַנטער ריח. די מומע האָט מיך אָבער ניט געלאָזן לאַנג טראַכטן:

זי איז אַריינגעקומען און אויף צוויי טעלער, איינע פאַר דעם פעטער און איינע פאַר מיר, זיינען געלעגן צו דריי קאַר־טאָפּלענע לאַטקעס . . .

איך בין באמת ברוגז געוואָרן:

גוואַלד געשריען! אַן אייגענעם ברודערס אַ קינד וועמען דו האָסט קיינמאָל ניט געזען פריער, און גאָט ווייסט צי דו וועסט אים נאָך אַמאָל זען, ביסטו מכבד מיט קאַרטאָפּלענע לאַטקעס . . . זיי האָבן ניט געקאָנט מאַכן לכבוד מיר אַ געבראָטנס, — האָב איך ווייטער געטראַכט, — צי טאָקע קאָטליעטן? וואָס איז, זיי וואָלטן חלילה אָרים געוואָרן, וואָס?.. און כ׳האָב מיט פאַרדרוס אָפּגערוקט די טעלער מיט די לאַט־קעס, אָנגעבנדיק אַ תירוץ אַז כ׳בין ניט הונגעריק . . .

נאָך וואַרמעס, אַז כ׳בין אַריין אין אַ צווייטן צימער, האָב איך געהערט דער מומע ריידן צום פעטער:

— איך ווייס שוין ניט וואָס מ׳עסט ביי זיי אין דער היים אַזוינס, אַז קיין קאָטליעטן האָט ער ניט געוואָלט עסן . . .

ערנסט

דער נאַטשאַלניק-סטאַנציע

א

ער איז נאָך אפילו אין חדר ניט געגאַנגען, אַזוי יונג איז ער געווען, און שוין איז ער געווען פול מיט חלומות. ער וועט זיין אַן אוראַדניק... אַ פּריסטאַוו... ער וועט זיין אַ־ אַ — — — זיינע געדאַנקען האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן נאַטשאַלניק סטאַנציע וואָס באַ זיי אין שטעטל, און דאָ איז ער שטיין געבליבן, ביז ער איז אַלט געוואָרן גענוג צו פאַר־שטיין און וויסן, אַז אַ אידיש קינד האָט ניט די מינדעסטע מעגלאַכקייט צו פאַרנעמען אַן אַמט באַ דער צאַרישער רע־גירונג.

ער האָט געוואוסט — דאָס האָט אים אָבער ניט אָפּגעע־האַלטן פון בעאָבאַכטן דעם נאַטשאַלניק אויף וויפיל אַ אידיש קינד האָט געהאָט די מעגליכקייט פאַר אַזעלכע זאַכן.

ער פלעגט מיט נייגיר באַקוקן דעם נאַטשאַלניק־סטאַנ־ציע וואָס פאַר אַ מונדיר ער טראָגט אין מיטן וואָך און וואָס פאַר אַ מונדיר — זונטיק, צי אַן אַנדער חגא; ווי אַזוי ער באַהאַנדעלט די קלענערע אַנגעשטעלטע, ווי „סטרעלאָטשני־קעס״, „סטאָראָזשעס״ און אַנדערע: ווי זיי סאַלוטירן אים און ער — קוים אַ נויג מיטן קאָפּ; ווי ער ענטפערט אויף די באַגריסונגען פון די טעלעגראַפיסטען — באַ זיי אין שטע־טעל האָבן זיי געהייסן „פּאָמאָטשניק נאַטשאַלניק סטאַנציע״;

ווי ער באַגריסט זיך מיטן „דאַראָזשני מאַסטער״; ווי ער זיצט אין קאַסע און פאַרקויפט בילעטן; ווי ער גייט אַף „אָכאָטע״ מיטן „דאַראָזשני מאַסטער״ און זייערע הינט.

היינט דאָס, וואָס ער האָט געהערט פון באַלעבאַטים אין בית־המדרש וועגן נאַטשאַלניק:

מענטשן וואַרטן אויפן באַן, וואָס דאַרף באַלד אָנקומען, און קיין בילעטן קויפט כמעט קיינער ניט, לאָזט ער איבער די קאַסע אויף אַ „פּאָמאָטשניק״ און אַליין כאַפּט ער זיך אַרויף אויפן באַן קאָנטראָלירן בילעטן. און באַלעבאַטים פלעגן פאַרענדיקן: „ער האָט די אייגענע פּראָווע וואָס אַ קאָנטראָליאָר, אויב טאַקע ניט מערער...״

און וועגן די לובאָוויניצעס זיינע; און ווי ער שפּילט אין קאָרטן מיטן פּריסטאַוו, מיטן דאָקטאָר פון שטעטל און דעם גלח: ווי ס׳איז בא אים רעכט פאַרשפּילן אַ גאַנצע צען רו־בלדיקע אַ נאַכט און גאָרניט, ווי ס׳וואָלט גאָרניט פּאַסירט.

— אַלץ, אַלץ וועגן נאַטשאַלניק סטאַנציע, וואָס ער האָט גע־זען און געהערט וועגן אים, פלעגט ער אין די געדאַנקען אָנ־מעסטן אויף זיך...

ער האָט אָנגעהויבן גיין אין חדר. און אפּענעם קאָפּ האָט ער געהאַט, איז אין עטלעכע יאָר אַרום שוין פאַר אים קיין מלמד ניט געווען בא זיי אין שטעטל, האָט אים דער טאַטע זיינער אין אַ גרעסערער שטאָט אַוועקגעפירט און אים אין אַ ישיבה אַריינגעגעבן. אַרום אַ יאָר שפּעטער האָט ער די ישיבה פאַרלאָזן געמוזט, ווייל מען האָט אים געכאַפּט חזרן אַ רוסישע גראַמאַטיק אנשטאָט דעם שעור גמרא, איז ער

צוריק אהיים געקומען. ער האָט זיך אומגעדרייט אין שטעטל שלינג־און שלאַנג ביז דער טאַטע האָט אים קיין אַמעריקע ארויסבאַגלייט און די מאַמע האָט געוויינט.

ב

אין אַמעריקע האָט ער זיך מיט חשק גענומען לערנען ענגליש. אין א יאָר צייט האָט ער געענדיקט אַן אָנפאַנג־שול. אין די אָוונטן געלערנט, בייטאָג געארבעט און איז אַריינ־געטראָטן אין אַ מיטל־שול צוגרייטן זיך צו אוניווערזיטעט. דערווייל זיינען עטלעכע יאָר פאַרבייגעגאַנגען. ער האָט זיך אויסגעגרינט, האָט זיך באַקאַנט מיט דער אַמעריקאַנער ענג־לישער ליטעראַטור.

ער האָט געענדיקט די מיטל־שול און גלייכצייטיק האָט זיך געענדיגט ביי אים דער חשק צו לערנען.

אין יענער צייט וואָס מיר ריידן דאָ, האָט דזשעק לאָנדאָן געקעניגט אין דער אמעריקאַנער ליטעראַטור. יעדער סטו־דענט האָט זיך געריסן ווערן אַ וואגאבונד און נאָכדעם ווערן אַ דזשעק לאָנדאָן...

איין פרילינג פרימאָרגן, ווען דער דרויסן האָט געלאָקט און גערופען, האָט ער איבערגעלאָזן זיין ביסל אָרעמקייט אויף הפקר און זיך אַרויסגעלאָזן „טרעמפן". ער האָט זיך אָבער באַלד באַגעגנט מיט דער קאַלטער ווירקלעכקייט און האָט זיך אונטערגעגעבן. נאָך אַ וואָנדערן א צוויי וואָכן, אַ הונגעריקער, א ניט־אויסגעשלאָפענער, האָט ער זיך אָפגעשטעלט אַרבעטן אויף אַן אייזנבאַן וועג. געטראָגן די שוועלן,

געשלעפּט רעלסן, געאַרבעט מיטן גראַב־אײַזן און זיך באַ־קאַנט מיטן אויפזעער.

אַז דער „פאַרמאַן" האָט זיך דערוואוסט אַז ער האָט גע־ענדיקט אַ מיטל־שול, האָט ער אים אָנגעהויבן צושאַרן פיל גרינגערע אַרבעט. ער האָט אים אַרײַנגענומען צו זיך אין הויז אַרײַן און ער האָט זיך דאָרטן אין אַ גאַנץ קורצער צײַט זײער פײַן אײַנגעלעבט.

איבערהויפּט האָט ער זיך צוזאַמענגעלעבט מיט דעם „פאַרמאַנס" עלטסטער טאָכטער. אײרין האָט זי געהײסן. זי איז געווען זײער אַ פרײַנטלעכע, אַ צוגעלאָזענע, נאָר אַ פּאַר־גרעבטע, ניט קיין קולטיווירטע פלאַנץ. פלעגט ער אין די פרײַע שעה׳ן פאַרברענגען מיט איר. לעזן צוזאַמען, לער־נען זי, קולטיווירען איר געשמאַק. ער איז אַזוי אַרײַנגעוואַקסן געוואָרן אין דער פאַמיליע, אַז ער האָט זיך ממש ניט גע־קאַנט שיידן מיט זײ. און אײרין? צי דען איז ער עס בלויז צוגעוואוינט צו איר? צי דען האָט ער זי ניט ליב? אין קורצן: אָפּלעבנדיק מיט זײ אין הויז עטלעכע יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט אײרין און געקראָגן די ברכה פון אירע עלטערן.

עס זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען עטלעכע חדשים, זײַערע „האָניק חדשים", און אַן אומגעדולדיקייט האָט אים אַרומ־געכאַפּט און ניט אָפּגעלאָזן.

ס׳איז געווען נאָכדעם ווי ער האָט צופרידענשטעלנד גע־ענדיקט אַ קורס אין אײַזנבאַן־פאַרוואַלטונג און קאָמוניקאַציע און די אײַזן באַן געזעלשאַפט, מיט וועלכער זײַן שווער איז

פאַרבונדן געווען, האָט אים צוגעזאָגט אַ שטעלע אַזוי גיך ווי ס׳וועט זיך מאַכן אַ וואקאנציע.

ס׳זיינען פאַרביי טעג און וואָכן אין דערוואַרטונג — און קיין ידיעה איז ניט געווען.

איין פרימאָרגן האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו, ער זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אַ הויכן בעאַמטן פון דער אייזנבאַן־געזעלשאַפט און —

אין קורצן: ער איז אַנגעשטעלט געוואָרן אַלס אַ ס ט אַ נ צ י ע ־ ש ע ף . . .

ג.

צופוסנ׳ס פון הויכע בערג ביים זייט פון אַ טייך, האַרט ביים אייזנבאַן־וועג, שטייט א פאררויכערטע, קליינע צוויי־שטאָקיקע געביידע. דאָס איז די סטאַנציע פון וועלכער ער איז עס דער פאַרוואַלטער...

אונטן — אַ גרעסערער זאַל מיט בייַנק אַרום די ווענט און אין מיטן זאַל אַן אייזערנע גרויסע אויוון, דאָס איז דער וואַרט־זאַל פאַר פּאַסאַזשירן. א קלענערער צימער איז זיין אָפיס, וואו דער טעלעגראַף אַפּאַראַט האַלט אין איין קלאַפּן. אויבן איז אַ וואוינונג פון פיר צימערן, דאָס איז זיין וואוינונג, דאָרט לעבט ער מיט איריג׳ען און זייערע צוויי קינדער, מיידלאך. פון צווייטן זייט טייך ציען זיך אין א שורה אַ פּופציק, זעכציק הייזלאך צווישן וועלכע ס׳געפינט זיך אויך אַ קלויסטער.

אַנגעטאַן איז ער כמעט שטענדיק אין אָפּגעטראָגענע

קליידער. אויף נייע — ניט ער האָט געלט און — צוואָס דאַרף ער עס די נייע קליידער? ווען ניט די אינספעקציעס יעדן האַלב יאָר וואָלט ערקיינמאָל קיין נייע מלבושים ניט געקויפט...

ער איז אָפּגעלאָזן, פאַרגרעבט, ניט ער וויל לייענען, ניט ער האָט צייט צו לייענען. גאַנץ פרי דאַרף ער אויפראַמען דעם זאַל אונטן, אויסרייניקן די שפּיי־קעסטלאַך, צורעכט מאַכן דעם אָפּיס. אַ גאַנצן טאָג איז ער פאַרנומען מיט פאַרקויפן בילעטן, אָנקלאַפּן נייע מודעות אויף די ווענט פון וואַרטזאַל, צושטעלן אַ פראַכט וואַגאָן, צי צוויי וואַגאָנעס, פאַר דער „עסיד פעקטאָרי״, צושטעלן דעם מאַנאַטלעכן באַריכט דער אייזנבאַן געזעלשאַפט, אויספילן די קעסטלאַך אין באַריכט נעמט־צו פיל צייט. ס'איז פאַראַן גענוג אַרבעט פאַר איין מענטשן. אַז ס'בלייבט איבער אַביסל צייט, שפּילט ער זיך מיט די קינדער.

טיילמאָל פאַרטראַכט ער זיך. זיצט, רויכערט די פּיפּקע און טראַכט: ער איז נאָך אַ קליין אינגל אין זיין קליין שטעטל אין ווייס־רוסלאַנד. ער דערמאָנט זיך אָן דעם נאַטשאַלניק־סטאַנציע בײַ זיי אין שטעטל. וואָס פאַר אַ שיינעם בנין ער האָט ער פאַרוואוינט! מיט אַן אייזערנעם צאַם און בוימער אַרום. דורך די פענסטער האָבן זיך תמיד געהערט פריילעכע פּיאַנאָ־טענער און געלעכטער. ווי יום טוב'דיק ער האָט עס שטענדיק אויסגעקוקט אין זיינע רייכע אוניפאָרמעס, און די מחנה מענטשן וואָס זיינען געווען אָנגעשטעלט אין סטאַנציע: טעלעגראַפיסטן, סטרעלאָטשניקעס,

סטאַראַזשעס, מאַשיניסט־וואָדאָקאַטשקי א. אַנד. — און ער איז עס געווען דער הויפּט באַלעבאָס איבער זיי אַלעמען!

אַז ער כאַפּט זיך אויף פון אַזאַ טראַכטן, שפּייט ער אויס, צינט אָן די שווין פון לאַנג פאַרלאָשענע פּיפּקע און מורמלט:

ס'האָט זיך מיר געגלוסט צו זיין א נאַטשאַלניק־סטאַנציע, האָט זיך מיר געגלוסט...

1932.

ווי אזוי מר. רעמסען ט׳פארלאָרן זיין פענסיע

א, פון קריסטמעס־שכור׳ער, לאַקאָמאָטיוו אינ־
זשיניער נעמט א לאָקאָמאָטיוו אין באַנהויף און
פאָרט ארום גלאַט אזוי זיך. (פון די ציישונגען)

אכט און פערציג יאָר האָט ער געאַרבעט פאַר דער באַן־
געזעלשאַפט.

ווען ער איז אָנגעקומען אויף דער באַן, איז ער געווען
אַ אינגל פון אַ יאָר אַכצן־ניינצן. אָנגעקומען אַ פשוט׳ער פייַ־
ערמאַן, האָט ער זיך צוגעקוקט, זיך צוגעלערנט און אויס־
געהאַלטן עקזאַמען פאַר אַ פולקאָמענעם לאָקאָמאָטיוו־אינ־
זשעניער.

נאָכדעם האָט ער חתונה געהאַט און צום יאָר האָט זיין
ווייב אַ קינד געבאָרן און נאָכדעם א צווייטע. זי האָט גע־
קרייַנקט און געקינדלט — געקינדלט און געקרייַנקט.

אזוי זיינען אוועק־געגנאַגען אַכט און פערציק יאָר.

ס׳איז גרינג אויסצורייַדן: אכט און פערציק! ניט ווינ־
ציק יסורים האָט ער זיך אָנגעליטן אין דער צייט. דאגות
אויפן פוד געווען, טאָקע נאָר פאַר אַ לאָקאָמאָטיוו איבערצו־
טראָגן, אָבער אַ מענטש איז טיילמאָל שטאַרקער.

איין טרייסט און האָפנונג איז געווען באַ אים: פ ע נ ־
ס י ע. דאָס האָט אַלץ פאַרגרינגערט.

און אַט האָט ער דערלעבט! באַלד־באַלד דאַרף זיך ענדיקן זיין דינסט און נאָכדעם קריגט ער **פ ע נ ס י ע** ביזן סוף פון זיין לעבן.

אמת, אין קיין לוקסוס וועט ער ניט לעבן, אָבער אַ שטיקל ברויט צו דער זאַט, אָן דאגה, איז מערער ווי ער האָט ווען ס׳איז געהאַט.

כדאי צו פאַרלירן עטלעכע ווערטער וועגן דער פענסיע.

קיין געזעצלעכע פענסיע, ד. ה. אַז דער אַרבעטער זאָל עס קאָנען פאָדערן דורכן געריכט, איז בּאַ דער באַן־געזעל־שאַפט ניט פאַראַן, ביי קיין אַנדער באַן־געזעלשאַפט אויך ניט, ס׳איז קעגן דער קאָנסטיטוציע צו צווינגען באַן־געזעל־שאַפטן צו פארזאָרגן זייערע אַלטע, קראַנקע, אויסגעדינטע אַר־בעטער. אַזוי האָט דאָס העכסטע געריכט אין לאַנד דער־קלערט. ווען דו קאָנסט שוין מער ניט אַרבעטן, דאַרפסטו שוין גאָרניט לעבן אויך. אַזוי קומט עס אויס לויט זייער לאָגיק . . . *)

עס דערנענטערט זיך די צייט פון קריסטמעס און נאָכ־דעם איז שוין אַ שפּאַן ביז ניי־יאָר און — ער ווייסט שוין ווי ס׳וועט זיין. מ׳וועט אים הייסן אָנטאָן נייע „אָוועראלס" און קומען אין א לאָקאַלן וואָקזאַל, דאָרטן וועט שוין זיין איי־נער פון דער באַנ׳ס הויכע בעאַמטע, מ׳וועט נעמען א בילד ווי דער בעאַמטער גיט אים איבער דעם ערשטן פענסיע־טשעק — אין דער אמת׳ן וועט עס גאָר זיין אַ טשעק פאַר וועלכן ער

*) וועגעז הואווער׳ס צייטעז רעדט זיך דא.

האָט שווער געאַרבעט — און מ׳וועט דאָס בילד צעשיקן אין די גרויסע לאַנד־צייטונגען: — אָט זעט ווי מיר פאַרזאָרגן אונזערע אויסגעדינטע ארבעטער!... אָבער נאָכדעם, ווייסט ער, וועלן שוין קומען די ריכטיקע, די אמת׳ע פענסיע־טשעקס...

* * *

קריסטמעס אָווענט. אַלע זיינע פריינט און שכנים זיינען באַ אים אין הויז. אַ טאָפּלטע שמחה היינט באַ אים.

קודם כל איז היינט גאָט געבאָרן געוואָרן, צווייטנס, אַז גאָט האָט אים געהאָלפן און ער האָט אָפּגעארבעט פולע אַכט און פערציג יאָר אָן אַן אומגליק און איצט גייט ער שוין לעבן אויף פּ ע נ ס י ע, — א סוף צו דאגות, אויס מורא צו האָבן פאַר באַלעבאַטים און זייער געהיים־פּאָליציי און פאַר יעדען איינציקן, — טאָ וואָס נאָך קאָן אַ זינדיגער מענטש וועלן? איז נאָך א כוס׳ע און נאָך א כוס׳ע און פאַר־וואָס טאָקע ניט נאָך איינע און נאָך איינע?! און פּלוצלונג האָט עמיץ גערופן:

— אָ, שוין פיר אַזייגער!

ס׳איז געוואָרן אַ שטיקל טומל, ווייל פינף פאַרטאָג מוז ער זיין אין באַנהויף באַ דער אַרבעט — און ער וואוינט אין אַ פאַר־שטעטל וויט אַוועק פונם הויפּט באַנהויף — אגב האָבן די הויזיגע ניטגעוואָלט גאָר איינגאַנצן אים לאָזן גיין צו דער ארבעט, ווייל ער איז געווען שיכורלאך. נאָר ער האָט גע׳טענה׳ט: ער מוז! פּ ע נ ס י ע . . . ס׳קאָן נאָך שאַדן, אַ קשיא אויף אַ מעשה... אגב, ער וועט אַרויס־

גיין אין דרויסן אויף דער פרישער לופט וועט ער זיך אויס־ניכטערן און ס׳וועט זיין פיין.

אין דרויסן איז געווען שטיל, שטילער ווי אַן אַנדער נאַכט אין דער זעלבער צייט. בלויז אַ מילך־וואָגן האָט פון צייט צו צייט איבערגעריסן די שטילקייט.

האַלב פאַרשלאָפן און שיכור׳לאַך ווי ער איז געווען, האָט ער געדיינקט איין זאַך: ער מוז זיין באַ דער אַרבעט אין צייט אונטער אַלע אומשטענדן, אויב ניט, שטייט אין סכנה זיין זיכערקייט, זיין צוקונפט, זיין פּ ע נ ס י ע...

אַזוי טראַכטנדיק איז ער צוגעקומען צום לאָקאַלן וואק־זאַל. א „טריין" איז אָפּגעגאנגען די זעלבע צייט וואָס ער איז צוגעקומען צו דער פּלאַטפאָרמע. די קומענדיקע „טריין" וועט ערשט אָפּגיין אין אַ שעה אַרום, וואָס טוט מען? די געדאנקען אַרבעטן, אָבער ניט קלאָר. ער ווייסט: ער דאַרף גיין, ער מוז זיין אין באנהויף אין צייט. ווי, וואָס, ווען, איז אים ניט קלאָר.

דערזעט ער אויף א זייטיקן „טרעק" עטלעכע זידנדיקע לאָקאָמאָטיוון, כאַפּט ער איינעם פון זיי און פאָרט אַוועק...

1936.

דזשים

אַ לאָיער ט׳מיר דערציילט די דאָזיגע געשיכטע. אַן עלטערער מענטש איז ער געווען, מיט גלאַט־ראַזירטע באַקן. א קורץ בערדל ווייס ווי מילך האָט ארומגענומען זיין אויבערשטע ליפּ און גאָמבע.

ער האָט אויסגעזען אַ יאָר פינף און זעכציק; איז שוין אַלט געווען אַכט און זיבעציק. ער האָט געשמעקט טאַבאַק און גערעדט געלאסן, ניט געאיילט.

— ס׳איז געווען — האָט ער אָנגעהויבן — עטלעכע טעג נאָך קריסטמעס, ווען איך האָב מיך אָנגעשטויסן אָן אַ שטיקל נייעס אין אַ צייטונג, וואָס האָט צוגעשמידט מיינע אויגן מיט נייגיר. דאָס קעפּל אויבן ט׳זיך געלייענט:

„לייגט זיך אַליין אריין אין טרונע און שטאַרבט״. און ווייטער האָט זיך עס געלייענט: „דזשערעמעי אָ׳קאָנאָר, זיבעציק יאָר, אַ היימלאָזער וואגאבונד, איז נעכטן פרי געפונען געוואָרן אַ טויטער אין אַ טרונע נעבן סטיפענסאָנ׳ס פיונעראל פּאַרלאָר די און די גאַס. די פּאָליציי פּאַרוואַלטונג דערקלערט אז ס׳איז ניט קיין מאָרד, זי דערקלערט עס אַזוי:

„לעצטנס זיינען קאַלטע וועטערן געווען און ער, דער היימלאָזער, איז געווען אַ האַלב־נאַקעטער און אָנגעזויפּט

מיט סמ׳יקן אלקאהאל, אַזוי האָט דער מעדיקאל עקזאַמענער באַשטעטיגט, איז ער זיך געגאַנגען ביז ער איז מיד געוואָרן, דערזעענדיק אַ ליידיקע טרונע, האָט עס אים דערמאָנט אַן אַ בעט, האָט ער זיך אַריינגעלייגט אינווייניג און איז פון דער קעלט און סמ׳יקן אלקאהאל געשטאָרבן.״

— ס׳האָט מיך אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן: צי איז עס ניט אַמאָל געווען מיין יוגנט־חבר דזשים?! האָב איך אַ טראַכט געטאָן. איך בין אָוועקגעלאָפן אין שטאָטישן מאָרג און האָב דערציילט נאָך וואָס כ׳בין געקומען. זיי האָבן זיך דערפריידט: וועלן איינשפּאָרן עטלעכע דאָלאַר...

— ס׳איז טאָקע געווען מיין יוגנט־חבר דזשים. כ׳האָב אים באַערדיגט ווי אַ טייערן חבר און פריינט.

— דזשערעמעי אָ׳קאָנאָר, אדער דזשים, ווי מיר, זיינע חברים האָבן אים גערופן, בעת מיר זיינען צוזאַמען אין שול געגאַנגען, איז פינף יאָר אַלט געווען בעת זיינע עלטערן האָבן אים קיין אַמעריקע געבראַכט. פון אַ קליין שטעטל אין לי־מעריקער קרייז, אירלאַנד, זיינען זיי געקומען.

— מיר האָבן זיך געטראָפן אין די ערשטע קלאַסן פּאָלק־שול און האָבן זיך באלד צוגעבונדן איינער צום צווייטן. אַלע אין קלאַס האָבן אים ליב געהאָט. ער איז געווען אַן איירישער פון קאָפּ ביז די פיס, ביז טיף אין דיביינער זיי־נע, אויב איר שטימט איין מיט מיר אז איירישע זיינען גוט־מוטיג און וויציג. אַן איבערגעגעבענער חבר איז ער געווען מיט אַלעמען און צו אַלעמען.

— פון פּאָלק־שול זיינען מיר צוזאַמען אַריבער אין

הויף־שול און דאָ האָט זיך געטראָפן אַ צופאַל: זיין פאָטער איז געשטאָרבן און אביסל שפּעטער איז אויך זיין מו־טער געשטאָרבן. זי איז געשטאָרבן פון דחקות מסתמא. פון וואָס זשע דען קאָן אַן אָרעמע אלמנה שטאַרבן?

איז ער געצוואונגען געווען אויפצוגעבן דאָס לערנען זיינס און זיך אַרויסלאָזן אין דער ברייטער וועלט זוכן חיונה. אַזוי אַרום האָבן זיך אונזערע וועגן צעשיידט. מיר האָבן זיך אַ לאַנגע צייט ניט געזען. געהערט האָב איך אַז ער איז געוואָרן אַן אַרבעטער־פירער אין אַ „מאַינער אינטערנע־שאַנאל״, נאָכדעם האָב איך געהערט אַז ער איז געווען דער אָנפירער פון אַ העפטיגן סטרייק קעגן אַ שטאָל־טראָסט. ס׳איז געווען אַ פאַרביטערטער קאַמף. עטלעכע פוןביידע צדדים זיינען געפאַלן טויט אין פאַרלויף פונ׳ם קאַמף. האָט מען אים באַשולדיקט אַז ער האָט געטויט איינעם פון דער פירמעס באַוואפנטע פּאָליציי. אין קורצן, מען האָט אים געפונען שולדיק אין מאָרד צווייטן גראַד און פאַראורטיילט אים צו לעבנס־לייגלעכע געפיינגענעש.

— בעתן פּראָצעס האָב איך אפילו זיין פאָטאָגראַפיש בילד געזען אין עטלעכע צייטונגען. אַן אָפּענער, ערלעכער פּנים, אין אַרבעטער קליידער.

— ס׳איז אַוועק אַ לאַנגע צייט און כ׳האָב מער ניט גע־הערט פון אים און פאַרגעסן.

— איינמאָל פאַרבייגייענדיג דעם „סיטי האָל פּאַרק״ האָב איך אים איינגעזען. ער איז געזעסן מיט נאָך עטלעכע היימלאָזע, אָפּגעריסן, שמוציג, אַרומגעוואָקסן. שווער גע־

ווען צו דערקענען אים. איך האָב זיך גע׳ישוב׳ט צי זאָל איך צוגיין צי ניט. אפשר איז עס גאָר אַן אַנדערער, האָב איך געטראַכט. דאָס האַרץ אָבער האָט מיך געצויגן; גיי־צו, ס׳איז דאָך דיין אַמאָליגער חבר! און כ׳בין צוגעגאַנגען און געוואָלט זיך צוזעצן נעבן זיי, האָבן זיי זיך גענומען אויפ־הויבן און אַוועקגיין, רוף איך מיר אָן:

וואו גייסטו, דזשים, דו דערקאָנסט מיך ניט, וואָס?

דערקאָנען, מאַכט ער, האָב איך דיך דערקאַנט, נאָר וואָס האָב איך מיט דיר צוטאָן? דו ביסט אַ פּריץ אַ גאַנ־צער, הע, מיינע חברים גייען אוועק, וואָס זשע וועל איך דאָ בלייבן?

— איינמאָל האָט ער איינגעשטימט צו גיין מיט מיר. איך האָב אים אַריינגענומען אין אַ פּלאַץ וואו מיר האָבן אָפּגעגעסן און נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט אויסגעטרונקען אַ טוצן גלעזלעך „פאַרבאָטענע״ האָט ער אָנגעהויבן;

— געדיינקסט ביילל, ווי מיר האָבן אָפּגענאַרט דעם לע־רער אונזערן? מיר זיינען דאַמאָלט אַלט געווען אַרום עלף צי צוועלף יאָר. יאָ צוועלף יעריגע בחורים מיט קינדערשן שכל. וואָס האָבן מיר דאַמאָלט געוואוסט פון דער קאַלטער, פאַלשער וועלט! — זיין טאָן איז געוואָרן ערנסטער פון רגע צו רגע.

— דו הערסט, ביילל, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר אַזוי דירעקט ווי ער וואָלט געוואָלט כ׳זאָל מיך אָנעמען זיין קריוודע.

—מיך, אַן ערלאַכן אַרבעטער, האָבן זיי געהאַלטן פאַר־

שפּאַרט צוואַנציג יאָר צוזאַמען מיט מערדער און דעגענע־ראַטן, — ער האָט זיך געקלאַפּט אין ברוסט:

— ווייל... ווייל.. זיי האָבן— — — פּטור ווערן האָבן זיי — — — איז בלוּ.. בלוּ. בלוּ..

— כ׳האָב אים שוין ניט געקאָנט אַרויסשלעפּן פון זיין אָפּגעלאָזענעם פלעגמאַטישן צושטאַנד.

— איך האָב אים ווידער ניט געזען אַ לאַנגע צייט און ווידער אַמאָל פאַרגעסן אים. כ׳מיין, ווינציג קאָפּ־דרייעניש האָט אַ מאָדערנער מענטש? און פּלוצים די פּאַסירונג מיט דער שטיקל נייעס אין צייטונג.

—ערן דעם אָנדיינקען דאַרף מען פון אַזאַ ערלאַכן אומ־גליקלאַכן חבר.

די לעצטע ווערטער האָט דער פאַרנעמער לאַיער ווי צו זיך אַליין אַרויסגערעדט.

.1931

ביינקשאַפט

זיי זיינען אַ פּאָר־פּאָלק פינף יאָר נאָך זייער חתונה. די ערשטע סעקסועלע ליבע איז בא זיי צופרידן געשטעלט. איצט לעבן זיי צוזאַמען, ווייל, — פאַרשיידענע אורזאַכן זיינען פאַראַן דערפאַר.

ערשטענס איז מען צוגעוואוינט איינער צום צווייטן; צווייטענס, צוליב לייטן, זאָלן לייט ניט האָבן וואָס צו ריידן. דריטנס דאַרפן זיי דאָך ערגעץ וואו וואוינען און מיט עמעצן און דאָ האָבן זיי אַ פּאַרטיקע היים און פּאַרטיקע מאַן און ווייב. און ווייל קיין קינדער זיינען ניטאָ, לעבט מען מאָנאָטאָן ווי די גרויע הארבסטיקע טעג.

בא זייערן אַ שכן וואוינט אַ מיידל, אַ באַרדערקע, קומט זי אריין צו זיי גאַנץ אָפט, שוין צו אָפט.

די ערשטע צייט איז ער אומצופרידן: זי שטערט אים זיין רו, ער קאָן זיך ניט באקוועם מאַכן ווי ער האָט ליב בעת ער קומט פון דער ארבעט.

איינמאָל, כדי צו פאַרטרייבן די מאָנאָטאָנקייט, טוט ער אַ טראַכט, — אין שפּאַס — אז ער וואָלט געוואָלט זיין מיט איר . . . דער געדאנק לאָזט אים שוין ניט אָפּ. ער הויבט שוין אָן ערנסט טראַכטן פון דעם שפּאַס. וואָס ווייטער אַלץ מערער פאַרנעמט זי, די גוט אַנטוויקלטע, רייפע, עטלעכע און צוואַנציק יעריגע שיינע מיידל, זיינע געדאנקען ביז ער איז אינ־

גאַנצען באהערשט פון דעם געדאנק צו באזיצן זי... ער וואגט אָבער ניט זיך ארײַנצולאָזן אין אזא אַוואַנטורע. און טאָמער וועט אים די מיידל אנטזאָגן און ווי קאן ער עס טאָן קעגן זיין ווייב, וואָס איז אזוי גוט צו אים? טראַכט ער כאָטש פון איר

ער טראכט פון איר ווען ער לייגט זיך, בעת ער וועקט זיך אויף, און שלאָפט ווידער איין מיט א זיסן געדאַנק אז זי איז אין זיינע ארעמס...

אויף דער פרוי זיינער איז ער אין כעס, הגם זי איז אזוי גוט צו אים.

ער טשעפּעט זיך צו איר און בינדט זיך אומזיסט און אומנישט.

ער איז אויף זיך אליין אין כעס, איז בייז אויף דער וועלט דער גאנצער.

לפנים גייט עס ביי זיי צו ווי געווען, אלץ ווי פריער.

ער ארבעט, קומט א היים נאָך דער ארבעט. קושט דער ווייב ביים אוועקגיין און ביים קומען.

לייענט אמאָל פאר אן ארטיקל פון א צייטונג צי זשור־נאַל, אמת ניט אזוי אָפט ווי ער פלעגט עס טאָן באלד נאָך דער חתונה זייערער.

ער האָט פארגעלייענט אן ארטיקל וועגן היסטעריע אין פארבינדונג מיט סעקס, וואו דער מחבר באהויפּטעט, אז היס־טעריע נעמט זיך פון ניט דערפילטע סעקסועלע פארלאנ־גען.

זיין פרוי האָט עס ניט געקאָנט פארשטיין, האָט ער זי געגעבען צו דערקלערען מיט א משל:

צום ביישפּיל, איך ליב אַ מיידל און צוליב מאָראַלע און אַנדערע אורזאַכן קאָן איך זי ניט באַזיצן, גיי איך אום בייז, בין איך אין כעס, נערוועז, א. א. וו. פאַרשטייסט?

יאַ, זי פאַרשטייט, — האָט זיין פרוי צוגעשטימט, צופרידן וואָס איר מאַן קאָן קלאָר מאַכן אַ שווערן ענין...

פיעל מאָל האָט ער שוין געהאַט באַשלאָסן:

וואָס ס׳וועט זיין זאָל זיין, ער מוז איר דערקלערן, דער געליבטער זיינער, אַזוי און אַזוי:

דו ביזט ביי מיר דאָס לעבן!

מיין פרוי איז דאָס געזעץ דו אָבער ביזט מיין נשמה.

מיט מיין פרוי מוז איך לעבן, אָן דיר אָבער קען איך ניט לעבן.

ער באַשליסט, ער קאָן עס אָבער ניט דורכפירן, עס קלעקט אים ניט קיין כחות, עס פעלט אים קוראַזש. פאַר־טראַכט ער אַ פּלאַן אַ גרינגערן.

ווען זי ציט זיך ארויס, טראַכט ער, וואָלט ער זי מיט דער צייט מסתמא פאַרגעסען. ווי זשע מאַכט מען אַז זי זאָל זיך ארויסציען פון דאַנען? אפשר זאָל ער אנריידן דער שכנה אַז:

— איר טוט ניט קיין גלייכע זאַך וואָס איר האַלט אַ יונגע מיידל בא זיך אין הויז. אַ מאַן און אַ יונגע מיידל — איר פאַרשטייט?

אָבער ווי קאָן ער — אינסינואַציעס, אַנצוהערענישן אויף דער וועמען ער ליבט אזוי הייס, ניין, ער קאָן דאָס ניט!

זאָל ער אפשר צוריידן זיין געליבטער אַז זי זאָל זיך

אליין ארויסציען? טאָ ווער ווייסט וואו זי קאן „פארמופן” און ווי אפט ער וועט זי קאנען זען, פיליכט וועט ער זי שוין מער קיינמאָל ניט זען, עפּעס א קלייניקייט ניו יאָרק! דאָ קאָן מען דאך אָפּלעבן הונדערט יאָר און ניט באגעגענען זיך מער.

נייך, ער אליין צעשיידן זיך מיט איר וועט ניט! ער קאָן עס ניט!...

אזוי ציען זיך טעג אין ליידן און נעכט אָן שלאָף, וואָס פאַרצערן אים און מאַטערן אים אויס.

איינמאָל, ווען ער איז געזעסן אזוי פארזונקען אין רעיונות, געוואויגן בא זיך אין די געדאנקען, — יא צי ניין? האָט זיך דערהערט א קלאפּ אין טיר, זיין פרוי האָט געעפנט און — ס׳איז געווען זי! זי איז זיי געקומען זאָגן אז מאָרגן ציט זי זיך ארויס פון דאנען...

זי איז נאך געזעסן מיט זיי יענעם אוונט א היבשע ווייל. זי האָט איינגעחזרט מיט זיין פרוי א פּאָפּולערע ליד פון די ראדיא פראָגראַמען. זי האָט עס פריער אליין געזונגען נאָכ־דעם געלערנט עס זיין פרוי זינגען.

עס זיינען פארגאנגען זינט דאמאלט א פּאָר יאָר. ער האָט זי ניט געזען מער און פארגעסן זי. בלויז טייל מאָל אז ס׳איז פאראן א רעוויו פון אלטע לידער אויפן ראדיא און מען שפּילט־אויף יענע פּאָפּולערע ליד וועלכע זי האָט גע־לערנט זינגען זיין פרוי יענעם אוונט, כאַפּט אים אָן א בייג־קעניש וואָס נאָגט אים און נאָגט...

.1933

פ י י ד אָ

א.

פיידא האָט מען אים גערופן. ער איז געווען א דייטשער שעפּאַרד, אדער ווי מען רופט זיי אין אמעריקא, א פּאָליס הונט פון ריינעם אפּשטאַם. דער בעל הבית זיינער האָט עס געקאָנט באוויזן שווארץ אויף ווייס.

קוים דריי וואָכן איז ער אלט געווען, בעת מ׳האָט אים אָפּגעריסן פון זיין מאמעס ווארעמע בריסט.

איין טאָג, בעת אלע הויזיקע זיינען געווען אין דער היים, —ס׳האָט געמוזט זיין א זונטיק צי אן אנדער יום טוב, — זיינען אריינגעקומען אין הויז אריין אן עלטערער מאן און א יונגע מיידל. זיי האָבן עפּעס איבערגערעדט מיטן בעל הבית און די אנדערע הויזיקע, זיי האָבן אָנגעוויזן אויף פּיי־דאָ׳ן, בעת ער איז ארימגעקראָכן איבער זיין מוטער — ער און נאָך שוועסטערלעך און ברידערלעך, — און מ׳האָט אים אַ כאַפּ־געטאָן.

צום אָנהויב האָט ער גערעכנט אז מען וויל זיך עס שפּילן מיט אים, אבער נאָכדעם, ווען דער עלטערער מאָן האָט באצאָלט און דער בעל הבית האָט אים גענומען ארויס־טראָגן פון הויז, האָט ער איינגעזען זיין טעות און האָט אָנ־געהויבן קלאָגן. זיין מאַמע האָט זיך אַ כאַפּ־אויף געטאָן, אָבער מ׳האָט באלד פארהאָקט די טיר הינטער איר. ווען מען האָט אים אריינגעוואָרפן אין אויטא, האָט ער דערהערט זיין

מאַמעס קלאַפּן מיטן גאַנצן קערפּער אין די פענסטער און קלאָגן:

— מיין קינד, גיט מיר אָפּ מיין קינד!

אויף דעם האָט ער געוויינט:

— מאַמע, קום ארויס און נעם מיך, מאַמע, מ—מ—מ—

דער אויטאָ האָט זיך אָנגעהויבן רירן.

זיי זיינען לאַנג געפאָרן, און פיידא האָט געוויינט און געקלאָגט ביז ער האָט זיך איינגענורעט ביי דער מיידל אין שויס און איז איינגעשלאָפן.

נאָכדעם האָט מען אים געבראַכט אין א הויז אריין. דאָרטען זיינען געווען נאָך פינף מיידלעך און אַן עלטערע פרוי. — די בעל הבית׳טע איז זי געווען און מוטער. זיי האָבן אים געגעבן מילך און ער האָט זיך אָנגעטרונקען ביז ער האָט מער ניט געוואָלט.

נאָכדעם האָבן זיי זיך געשפּילט מיט אים און געמאַכט פאַרשיידענע באַמערקונגען וועגן אים:

— ס׳ארא לאַנגענקער.

— א געלבלאכער.

— אַ שטאַרק־געבויט העלזל.

— ווי א וועלפּל.

און נאָך און נאָך.

נאָכדעם איז נאַכט געוואָרן, האָט מען אים אריינגעלייגט אין א קאַסטן. האָט ער געוואָלט ארויסקריכן און ניט געקאָנט — די ווענטלעך זיינען צו הויך געווען פאַר אים.

די הייעלעך האָבן אים געקיצלט אין בייכל. די מאַמע די

ווארעמע, וואָס ס׳שמעקט פון איר אזוי גוט, אז ס׳צוגייט זיך אין אלע אברים, — האָט ער געטראכט — זי וואָלט אים א לעק געטאָן אָט דאָרטן הינטערן פיסל וואו ס׳בייסט אים אזוי... זי וואָלט אים א צופּ געטאָן פארן אויער, וואָלט אים געוואָרן ליכטיק אין די אויגן, נאָכדעם וואָלט ער איינגעגורעט זיין פיסקל אין זיין מאַמעס ברוסט אדער אין א בייכל פון איינעם פון זיינע ברידערלאך צי שוועסטערלאך און וואָלט איינגע־שלאָפן א צופרידענער, אבער דא איז אים קאַלט און פוסט אזוי. קארטשעט ער זיך ביז ער מאָסטשעט זיך איין ווי עס איז און שלאָפט איין.

ב.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן פארגעסן זיין מאַמען, זיינע שוועסטערלאך און ברידערלאך, — די אלטינקע האָט אָנגעהויבן פארנעמען דעם ארט. עסן און טרינקען האָט זי אים געגעבן, האָט ער אָנגעהויבן נאָכגיין אירע פוס טריט.

בייטאג פלעגט ער ארומלויפן איבערן גערעמן הויף ווי וויט די קייטל האָט אים דערלויבט, פלעגט זיך שפּילן מיטן אייגענעם ווידל, בייסן די אייגענע פיסלאך, כאפּן פליגן און דראגאן־פליגן.

אין הויף זיינען געווען פילע בייטן מיט בלומען. פאַידא האָט געוואוסט אז די בלומען טאָר ער ניט צעשטערן. מען האָט עס אים אַמאָל אָנגעזאָגט מיט א האַרבער באַטאָגונג, — און פאַידא האָט געהאט א גוטן קאָפּ, ער האָט געדיינקט און געוואוסט אז פאר ניט פאָלגן קריגט מען קלעפּ, אבער די

ארומפליענדיקע בלומען (שמעטערלינגס) האָבן אים געשטעלט אין א פארלעגנהייט, צי מעג ער נאָכלויפן נאָך זיי, כאפּן זיי און פארניכטן, צי ניט.

אין די פארנאָכטן פלעגט דער בעל־הבית אים ארויסנע־מען אויף א שפּאַציר און די מיידלעך פלעגן זיך שפּילן מיט אים און ער איז אזוי גערן געווען נאָכן שפּילן זיך!

אזוי איז אוועק דער זומער און האַרבסט. ווינטער איז ער מערסטנס געווען אין הויז, אבער אז מען פלעגט אים ארויסלאָזן אין דרויסן פלעגט ער ווערן ווילד פון שמחה, פלעגט כאפּן פולע פּיסקעס שניי, קייקלען זיך אינם שניי און וואָס ניט?

דער צווייטער פרילינג פאידאס האָט אים געטראָפן כמעט א פול אויסגעוואקסענעם. די אויערן האָבן זיך אים אויפגע־שפּיצט, דער שטאַרקער קערפּער און ווי פון שטאָל געגאָסן האלז — קאָנצענטרירט ווי אין דערוואַרטונג. די אויגן — וועלפישע פארזיכטיקייט. אין קורצן: א חיה וואס איז פולקאם צוגעפּאַסט צום לעבנס־קאַמף. צו קעמפן פאר זיך, פאר די באלעבאטים, אָן שום מורא, אָבער צוריקגעהאַלטן, מיושב׳־דיק, ניט איבעראיילט.

ג.

לעבן זיין בודע ליגט פאידא אָנגעלייגט דעם קאָפּ אף די פאדערשטע לאפּעס, ווארעמט זיך אונטער די ווארעמע סנאָפּעס שטראלן, וואָס די זון גיט מיט פולער האַנט, און דרעמלט. כמעט שטענדיק דרעמלט ער.

עלף יאָר איז ער אלט. פאַר אַ הונט אַ הויכע עלטער. ער פילט זיינע אברים זיינען ווי מיט בליי אָנגעגאסן. שווער צו באוועגן זיך. ער עסט, היט דאָס באלעבאַטישקייט און איז צו־געבונדן צו די הויזיגע סכנות נפשות. זאָל איינער, צי איינע, ניט קומען איין טאָג אהיים, עקט זיך אים דאָס לעבן פאַר ביינקשאַפט.

די באלעבאָסטע, זעט ער, אטעמט שווער און שנעל און האַלט זיך פאַרן הארצן. איינע פון די מיידלאך, א יונגע, א שיינע, האָט אָנגעהויבן קריינקען. דאקטוירים האָבן דערקלערט אז ס׳איז א קענסער.

איינמאָל, ס׳איז געווען פאר קריסטמעס, איז די אלטינ־קע באַלעבאָסטע אוועקגעפאָרן איינקויפן מתנות פאר די הוי־זיגע. ס׳איז געווען א געדריינג אינם געשעפט, אן ענגעניש. צופיל ארבעט געווען פאר איר שוואַכער האַרץ און צוריק האָט מען געבראכט איר טויטן קערפער.

זינט דאמאלט איז פאידא ארומגעגאנגען א פארטרויערטער, א פארביינקטער. אביסל טרייסט האָט ער געפונען אין דעם, וואָס די שוועסטער, די קראַנקע, איז אין דער היים געווען מיט אים.

איר יונגער, געזונטער קערפער האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, האָט געקעמפט. דער טויט פון דער מוטער אבער האָט צוגעהאָלפן די משחיתים פון איר קערפער. און ווען פריילינג איז געקומען אויף דער וועלט איז זי געשטאָרבן.

דער טויט נעמט זיינע קרבנות און דאָס לעבן פאָדערט זיינס.

נאָך די טרויער טעג איז די גאנצע פאמיליע אוועק גע־פאָרן, ווער צו דער ארבעט און ווער צו געשעפט. פאר פאי־דאן האָבן זיי איבערגעלאזן שפייז און וואסער נעבן זיין בודע.

אבער פאידא האט געביינקט, פאידא האָט ניט געקאנט פארטראָגן די פוסטקייט אין און ארום הויז: די באלעבאסטע איז ניטא, די מיידל וואָס האָט אים געפלעגט די לעצטע צייט זינט די בעל הבית'טע איז געשטארבן, איז אויך ניט געווען.

— פוסט — וויסט — קאלט — בררר — —

פארנאַכט ווען די הויזיגע זיינען אהיים געקומען, האָבן זיי געטראָפן פאידא'ן א טויטן. די שפייז און וואסער ניט גע־רירט.

א וועטערינאר, וועלכער האָט אים אויפגעשניטן, האָט דערקלערט, אז ער איז געשטארבן פון בענקשאַפט.

.1934

שפאַם

כ'וועל מער קיין פרייע פערזן ניט מאַכן

(חיים קוזניעצן)

אויס! כ'זאָל אפילו וויסן אז כ'שפּיל מיט מיין לעבן, וועל איך מער קיין פרייע פערזן ניט מאַכן! און ווען כ'זאג עס, איז עס ניט דערפאר ווייל כ'בין פּלוצים געוואָרן אַן אָנהייגער פון געשמידטע פערזן, חלילה! כ'בין פאר פרייהייט — וואו עס זאָל ניט זיין — מיט מיך גאנצן איך, מיט מיין גאנצער נשמה, מיט מיינע אלע הינער־אויגן... נאָר וואָס דען? פרייע פערזן וואַרגן מיך... יא, ביינאַכט קומען זיי צו מיר און וואַרגן מיך...

נאר הערט די מעשה פון אָנהויב, וועט איר מיך בעסער פארשטיין.

בינען בין איך ניט קיין בין, נאר א פאַרהייראַטער, נעבאך... און א פרייהייטיסט בין איך, וואָס גיט ניט קיין צווייטן אף דער וועלט דער גאנצער.

כ'בין פאר פרייהייט און קעגן אונטערדריקונג, ווייל, יא, ווייל מיין פרוי גיט מיר ניט קיין פרייהייט.

נעמט צ. ב. אין הויז בא אונז איז מיין פרוי בעלאבאָס. הגם אף דער הוצאה דארף איך פארדינען.

— דו דארפסט, דו פארדינסט דאך אבער ניט! — זאָגט מיך פרוי.

ענטוועך איך:

— אבער דארפן דארף איך?

מאכט זי, מיין פרוי, הייסט עס:

— מאלע וואָס מ׳דאַרף, אלעמאי עס וואָלטן אזעלכע מענער גארניט געדארפט לעבען, פונדעסטוועגן לעבסטו דאך!

שוויַיג איך, כ׳וועל זיך דאך ניט גיין אויסטענה׳ן מיט א אידענע. בפרט אז זי האָט א טבע: וואָס עפּעס שלאָגט זי זיך...

און שילטן אדער הרג׳ענען די קינדער איז אויך זי. איך טאר זיי ניט ממית׳ן,

— מיט וואָס פאר א רעכט שלאָגסטו די קינדער, ס׳זיינען דען דיינע קינדער וואָס דו שלאָגסט זיי? — שרייט מיין פרוי.

— וואָס ווייס איך וועמענס קינדער, — ענטפער איך, — כ׳בין דען תמיד אין הויז אז כ׳זאָל וויסן?

— א, דאָס מיינסטו?! — עפנט זי אויף איר קראַטער און הויבט אָן אָף מיר גיסן מיט לאַווע — קללות.

אין קורצן, כ׳בין בא מיינער קיין קללות ניט זשעדנע, צו וואָס לייקענען?

בין איך פאר פרייהייט, ווייל ניטא קיין פרייהייט פאר מיר. ניט אין שאפּ און אין הויז אוואדע ניט.

איז אזוי ווי איך לעכץ נאָך פרייהייט, בין איך געוואָרן אַן אַנהיינגער פון די פרייעסטע שטרעמונגען אין דער ליטע־ראטור. און איינער פון מיינע הויפּט פרינציפּן איז:

פרייע פערזן . . .

בין איך — א דאנק דעם כ׳האָב די הענט ניט געוואַשן — ניט דער איינציקער, האָבן מיר זיך צוזאַמען גענומען א

צוואַנציק אַזעלכע און מיר גיבן אַרויס אַ זשורנאַל „דער פריי־ער ווינט״, אַ זשורנאַל פאַר פרייהייט און פרייע פערזן.

לעצטע וואָך האָב איך זיך מיישב געווען: צו וואָס זיך דרייען אַ קאָפּ מיט טעמעס און נאָכדעם מיטן שרייבן? האָב איך ערגעץ באַקומען אַן אַלטן, זייער אַלטן בוך, אויסגעזוכט אַ שיינע מעשה׳לע, צעשפּאָלטן די מעשה׳לע אויף צוויי האַלבע אַרויפגעשטעלט מיין נאָמען אויבן און אָפּגעדרוקט עס אַלס אַ פּאָעמע אין פרייע פערזן אין אונזער זשורנאַל. אָפּגעדרוקט — אָפּגעווישט די ליפּן — שאַ...

ביינאַכט, איך שלאָף, ערשט פּלוצים: ס׳רוקן זיך די צע־שפּאָלטענע שורות פון דער מעשה׳לע:

פאַרבלוטיגטע, אַזעלכע צע׳הרג׳טע, בלייכע, אויסגעמאַ־טערטע און — צוגעקומען צו מיין בעט מיט ליאַרעם, מיט געפּילדער, מיט קולות און געשרייען...

— ס׳טייטש, וואָס האָסטו געהאַט צו מיר!

שרייט די ערשטע האַלבע שורה:

— וואָס האָסטו מיין צווייטע האַלב אַזוי דערנידעריקט, אַזוי טיף אונטן אַראָפּגעוואָרפן, דו, דו, דו?

און די צווייטע האַלבע:

— וואָס האָסטו מיך צעשניטן, דו קאַלטער גזלן אייגער, דו!..

און די דריטע האַלבע:

— וואָס האָסטו מיך אין אַזאַ איינגעניש אַריינגעשטופּט, דו־דודו!..

די פערטע האַלבע:

— וואו האָסטו מיין קאָמע אהינגעטון, דו אזעלכער און אזעלכער, דו...

און פלוצים הויבן זיך די אלע צעשניטענע שורות אויף און ווארפן זיך אויף מיר מיט באנומענע קולות:

— לאמיר אים דערווארגן, לאמיר אים!

— לאמיר אים דערשטיקן, לאמיר אים!

און זיי ווארפן זיך אויף מיר און וואַרגן מיך... און שטיקן מיך... און איך וויל שרייען און קאָן ניט און — ניי—ן, ניט מער! בעט איך זיך, כ׳וועל שוין מער ניט! — מער קיינמאָל ניט!.. קיין מאָל ניט מער מאַכן קיין פרייע פערזן — — —

אויס! כ׳זאל אפילו וויסן אז כ׳שפּיל מיטן לעבן מיינעם וועל איך מער קיין פרייע פערזן ניט מאַכן...

.1929

ביזנעס

(מאָנאָלאָג פון א משוגענעם)

א גוטע ביזנעס זאָל זיך אויף אייך ארויפכאַפּן און שבת האַלטן אויף אייך, האַרציקער טאַטע!

כ׳בין א משוגענער, זאָגט איר? אז משוגע זאָלן אייערע ביזנעס ווערן!

א ביזנעס אויף מיין קאָפּ, אז ביזנעס אייך אין די ביזנעס אריין!

וואָס איז עס אייערע ביזנעס צו וויסן מיינע ביזנעס?!

אוי, אוי, מיין קאָפּ!

ווען כ׳בין קליין געווען, געדיינק איך, האָבן די וועלדער ארום דובאָי קינדער־מעשה׳לאך דערציילט, און אין די מיס־טעריעזע, כישופדיגע פארנאכטן פלעגט דער סאָלאָווײ מיט זיינע זיסע טענער שלאָפן באגלייטן.

עך, ליבער דארף בלאָטיקער! די באלעבאטים דיינע האָבן ניט געוואוסט פון קיין ביזנעס און אנדערע מינים אנשיקע־נישן.

יאָ, די דובאָיער באַלעבאַטים האָבן פון קיין ביזנעס ניט געוואוסט, ווייל זיי האָבן קיין צייט ניט געהאַט פאר קיין ביז־נעס. אין דער פרי האָט מען געדארפט אין שול גיין דאַווענען. און וואָס עפּעס בלויז דאַווענען? טאָקע פארבלייבן אין שול ביז צוועלף. ביז ס׳האָט זיך געענדיקט דער לעצטער מנין. וואָס

דען, מצוות וואַלגערן זיך אין די גאַסן, וואָס? און נאָכדעם עסן וואַרמעס, ווייל מ׳דאַרף דאָך בענטשן, צי ניט? נאָכדעם קאָן מען שוין ערגעץ ניט גיין, ווייל מ׳קאָן דאָך חלילה פאַר־שפּעטיקן מנחה דאַוונען... און נאָך מנחה איז דאָך אַ שפּאַן ביז מעריב, און פאַרשפּעטיקן מעריב — זאָל גאָט היטן! ווייל מצוות וואַלגערן זיך ניט אין די גאַסן. אי, ביזנעס? עה, אַ מצוה ט׳מען האָבן אַז מ׳וועט טאָן ביזנעס, וואָס?

עך דובאַי בלאָטיקער אָן ביזנעס!

פאַרוואָס פרעגט איר מיך ניט ווי איז מיין געזונט? און וואו זיינען מיינע האָר די געדיכטע אהינגעקומען? און מיינע לויטער לעבעדיקע, פריילאַכע אויגן וואו זיינען?

וואָס זיינט איר אַזוי להוט צו וויסן וועגן מיינע ביזנעס און ניט פון מיין געזונט? אַב אייך אַכציק צוואַנציק ביזנעס יאָר!

פאַרוואָס האָבן דובאַיער באַלעבאַטים פריער אויפן גע־זונט געפרעגט און אויפן געזונט פון די הויזיקע און אפילו אויפן געזונט פון דער בהמה און פערד און הונט האָבן זיי פריער געפרעגט, און נאָכדעם אַז ס׳איז שוין ניט געווען וועגן וואָס צו ריידן, האָבן זיי ניט געגרן פאַרלאָרן אַ פּאָר ווערטער וועגן ביזנעס...

און איר — בלויז „האַוז ביזנעס?״ אַז ביזנעס אייך אין די ביזנעס אריין, האַרציקער טאַטע!...

פאַרוואָס איז מיין זיידע ר׳ מאיר ע״ה, אין ליכטיקן גן עדן איז ער — פאַרוואָס איז ער געשטאַנען דריי וואָכן אָן בראָנפן אין זיין שיינק, ווייל מ׳האָט געזאָגט, אַז משיח גייט...

און איר, אַז איר הערט אַז משיח גייט, טראַכט איר גלייך, ווי אַזוי מ׳קאָן אים אויסנוצן פאַר ביזנעס־צוועקן...

פאַרוואָס האָט אַ דובאָיער איד ניט געוואָלט פון דער היים אַרויספאָרן מאָנטיק, ווייל ס׳איז ערב שבת... און ביי אייך איז שבת דער הויפּט ביזנעס־טאָג!

פאַרוואָס לעבט איר, אין וועמענס זכות?

פאַרוואָס גייט ניט אונטער די וועלט אייערע?

איך גלויב, אַז ס׳איז צוליב די אומשולדיקע קינדערלאַך, צוליב די כשר׳ע בהמה׳ס, צוליב הינט און קעץ, אָט צוליב וועמען איר עקזיסטירט און אין וועמענס זכות איר לעבט...

איר זאָגט, אַז כ׳בין משוגע? אַז משוגע זאָלן אייערע ביזנעס ווערן, האַרציקער טאַטע!..

1930.

כ׳האָב געלייזט א וועלט-פּראָבלעם

אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט: לייזן פּראָבלעמען, מיין איך, אז איך האָב געלייזט א וועלט־פּראָבלעם פאר וועלכן די מענטשהייט וועט מיך אייביק דערמאָנען מיט דאנקבאַרקייט.

די הויפּט צרה איז, ווי באוואוסט, וואו נעמט מען מאַ־טעריאל פאר די ציין אויף צום קייען? ווייל אז די ציין האָבן ניט וואָס צו קייען איז א מאוסקייט! וואָס שייך א מאוסקייט, ס׳איז ממש חושך מצרים...

אָט, צוםביישפּיל, פּרואווט און גיט ניט אייערע ציין צום קייען עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד, אזוי הערן די אברים אייערע אייך אויף צו דינען. אזעלכע שטאַרקע געזעלן זיינען זיי!

— וואָס הייסט דו פאַרנאַכלעסיקסט דיינע ציין?! כל זמן דו האָסט ציין דאַרפסטו זיי געבן צום קייען, אויב ניט גייען מיר אין סטרייק ארויס....

און אז די אברים גייען ארויס סטרייקן, קאָן מען ניט אפילו גיין אָנשטעלן סטרייק־ברעכער, ווייל — אנו, זייט א בריה און ווילט גיין אז די פיס סטרייקן..

אַהאַ, כ׳האָב מיך ניט ווינציק אָנגעליטן מיט דעם וואָס כ׳האָב דאָס רוב פאר מיינע ציין קיין קיי־מאַטעריאל ניט גע־האַט...

כ׳האָב שוין אפילו געפּרואווט אָפּנאַרן מיינע ציק, און געבן זיי קיי־גומע, האָט דער געהירן באלד אלע אברים מיינע

דערציילט וואָס איך האָב דאָ אָפּגעטאָן פאַר אַ געמיינהייט און כ׳האָב דעמאָלט שלעכט אָפּגעשניטן...

וואָס איז? עס געפעלט זיי ניט דער מאכל... מילא בקיצור, כ׳בין געפאַלן אויף אַ פּלאַן:

אַזוי ווי אַלע צרות נעמען זיך דאָך פון די ציין, ס׳הייסט, זיי און בלויז זיי, ווילן עס קייען, די אַנדערע אברים נעמען זיך אָן זייער קריוודע בלויז, ניט אמת? —

האָב איך באַשלאָסן ארויסצורייסן אַלע מיינע ציין און גע׳פּטרט אָן עסק!

און אָן ענד זאָל עס נעמען!..

ביז איצט האָב איך זיך געלאָזט אויסרייסן אַ האַלבן מויל מיט ציין און — קייען ווילט זיך נאָך אַלץ... אָבער דאָס איז מיסטאָם דערפאַר, ווייל ס׳זיינען נאָך פאַרבליבן גענוג ציין... אַזוי גיך אָבער ווי כ׳וועל פּטור ווערן פון די איבעריקע ציין, וועט זיך מיר זיכער אויפהערן וועלן צו קייען...

.1930

געדאַנקען פון א צעדרייטן

— — — כא־כא־כא, איך בין „דער אויסדערווײלטער פון אלע באשעפענישן״, כא־כא־כא, נישטא ווער ס׳זאָל לאַכן, כאַ־כאַ־כאַ!

א קאַץ וואס דאַרף אָנקומען צו מיין חסד, האָט קעצעלאך אלע דריי חדשים, און איך דער האר אירער, האָב מורא חתונה האָבן, וואָס איז? טאמער וועלן קינדערלאך געבוירן ווערן, כא־כא־כא!

וויפל דער מענטש האָט איז אים אלץ ווינציק און א פוי־געלע האָט אזוי ווינציק, דאך ביים ערשטן זונען־שטראַל זינגט עס און איז פריילעך און לוסטיק, כא־כא־כא, נישטא ווער עס זאָל לאכן, אף נאמנות, כאַ־כאַ־כאַ!

די ווילדע חיה׳לע האָט מורא פאר מיר, אבער ניט פארן מאָרגענדיקן טאָג, און איך, דער בחיר היצורים, האָב מורא פארן מאָרגענדיקן טאג און פאר דער חיה א חוץ, כאַ־כאַ־כאַ!

א ווילדע באשעפעניש איז פריי צו גיין און שטיין וואו עס וויל; עסן, טרינקען ווען עס וויל, אבי עס האָט נאר וואס, און איך, דער באהערשער פון נאטורס קרעפטן, און דער באַ־הערשער פון חיה, איך מוז גיין טאָג־איין, טאָג־אויס, יאָר־איין און אויס דעם זעלבן וועג, הגם ס׳איז מיר דערווידער. כא־כא־כא, איך מוז עסן, כאָטש כ׳בין ניט הונגעריק, וויל ווען כ׳וועל הונגעריק זיין וועל איך עסן ניט קאָנען. כאַ־כאַ־כאַ—און איך

בין עס דער מענטש דער פרייער. כאַ־כאַ־כאַ. העלפט מיר לאַכן! כאַ־כאַ־כאַ!

איך בין דער האַר פון אלע באשעפענישן. כאַ־כאַ־כאַ, א געלעכטער כ׳לעבן, כאַ־כאַ־כאַ! די חיה גיט זיך נאָך אירע אינסטינקטן, און קיינער ווארפט עס איר ניט פאָר, און איך דער האַר און אויסדערוויילטער, כאַ־כאַ־כאַ! — איך דארף זיך קאָנטראָלירן אויף יעדן טראָט און שפּאַן וואָס איך מאַך, איך בין דער האַר! כאַ־כאַ־כאַ, איך בין דער פרייער!

איך עס ווינציקער פון דער חיה און זאָרג האָב איך טויזנט מאָל מער פון איר, און מיר איז עס גוט! כאַ־כאַ־כאַ, אוי, נישטא ווער ס׳זאל לאכן!

איך בין דער בעל הבית פון דער וועלט, די וועלט איז עס מיינע, און כ׳האב א צימער פיר איילן אויף פיר. די חיה האָט די ברייטע פעלדער און די גרויסע וועלדער און איז די אונטערדריקטע און פארפאָלגטע. — כאַ־כאַ־כאַ, און איך בין דער פרייער, כאַ־כאַכאַ.

ברייגגט מיר דעם מענטשן, וואָס האָט אויסגעטראכט די גאַנצע ציוויליזאַציע, און כ׳וועל אים אין פנים אָנשפּייען, און נאָכדעם—כאַ־כאַ־כאַ—וועל איך ווערן אויס מענטש און עס וועט מיר זיין אזוי גוט ווי דער קאַץ, ווי דער פויגעלע, ווי דער ווילדער חיה, כאַ־כאַ־כאַ און כאַ־כאַ־כאַ...

1930.

איך ציגן האָבן ליב בלומען

אנטקעגן דעם וואס איר זאָגט, אז דער מענטש איז די איינציקע באשעפעניש וואָס האָט א געפיל פאר עסטעטיק, וואָס פלאַנצט בלומען און האָב ליב וואָזאַנעס, א. ז. וו., טאָ דערלויבט מיר איך דערציילן אן אמת׳ע מעשה:

איך אליין בין א בראָנזווילער, וואוין, הייסט עס, אין בראָנזוויל, ווי באוואוסט די מדינה פון ציגן.

איין מאָל, אין א זומערדיקן טאָג, איז זיך געגאנגען א זומערדיקער זוניקער רעגנדל, האָבן בראָנזווילער באלעבאטעס זייערע בלומען־טעפּ ארויסגעשטעלט אין דרויסן אויף די פּריזבעס. דערוויי׳ל איז פון ערגעץ אָנגעקומען א סטאָדע ציגן... האָט איר געדארפט זען מיט וואָס פאר א ליבע די ציגן האָבן זיך עס ארויפגעוואָרפן אויף די בלומען און וואָזאָנעס. אין איינע עטלעכע רגע׳ס איז פון די בלומען קיין זכר ניט געבליבן...

איר זאָגט אז ס׳איז ניט געווען קיין ליבע און קיין ווייס איך וואָס!

און איך זאָג אייך, אז ווען די ציגן וואָלטן ניט ליב געהאט קיין בלומען, וואָלטן זיי דאָך קיין בלומען ניט געגעסן...

.1926